STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01512

# DI PRINTSIPEN FUN ANARKHIZM

Y. A. Merison

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Herbert & Rita Gann*
*in memory of*
*Samuel E. & Rebecca Kaplan*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אנארכיסטישע ביבליאָטעק נומער 1

# די פּרינציפּען פון אַנאַרכיזם

— פון —

ד"ר. י. א. מעריסאָן

פּרייז: 25 סענט

אַרויסגעגעבן פון דער
גרופּע „נייע געזעלשאַפט", בר. 364 אַרבייטער רינג
צו דער געלעגענהייט פון איר 25־יעריגער עקזיסטענץ

ניו יאָרק, נאָוועמבער, 1934

# אינהאַלט פאַרצייכעניש:

זייט
די פרינציפּן פון אַנאַרכיזם ........................ 5
וואָס מיינט אינדיווידועלע פרייהייט? ........................ 7
די צוויי הויפּט שולעס פון אַנאַרכיזם ........................ 11
די פּרודאָנישע שולע ........................ 13
דער מוטואַליזם ........................ 30
די קראָפּאָטקינשע שולע ........................ 34
אַ סינטעז פוןביידע אַנאַרכיסטישע שולעס ........................ 51
אַ קורצער איבערבליק איבער דער אַנאַרכיסטישער
באוועגונג ........................ 55

# די פּרינציפּן פון אַנאַרכיזם.

דער אַנאַרכיזם איז די אידעע און דער אידעאַל פון אינדיווידועלער פרייהייט אין געזעלשאַפטליכן צוזאַמענלעבן. אָבער אמת׳ע פּערזענליכע פרייהייט איז אוממעגליך אָן עקאָנאָמישע זעלבסט־שטענדיגקייט, שליסט דעריבער דער אַנאַרכיזם איין די אידעע פון עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיגקייט פון יעדן איינצעלנעם. די אידעע פון אינדיווידועלער פרייהייט שליסט אוים יעדע געזעלשאַפטליכע אויבערהערשאַפט און יעדן שטאַטליכן צוואַנג; די אידעע פון עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיגקייט שליסט אוים יעדע פאָרם פון עקספּלואַטאַציע און יעדע פּריווילעגירטע פּאָזיציע.

דער חילוק צווישן אַנאַרכיזם און די אָנגענומענע גרונט־פּרינציפּן פונ׳ם סאָציאַליזם באַשטייט דעריין, וואָס דער סאָציאַליזם מאַכט די געזעלשאַפט פאַר דער פאַרזאָרגערין פון די איינצעלנע: די געזעלשאַפט דורך אירע פאַרוואַלטער (לעז ביוראָקראַטיע!) וועט פאַרזאָרגן די איינצעלנע מיט אַלע זייערע באַדערפעניש; דער אַנאַרכיזם זוכט די מעגליכקייט פאַר יעדן איינעם, באַזונדער אָדער בחברותא, צו קאָנען אַליין זיך פאַרזאָרגן מיט אַלעם נויטיגן.

דער, וואָס נעמט זיך אונטער צו פאַרזאָרגן אַן אַנדערן, מוז זיך נעמען דאָס רעכט אים צו באַפעלן וואָס און ווי צו טאָן. די געזעלשאַפט וואָס פירט אָן דורך פאַרוואַלטער די גאַנצע פּראָדוקציע, מוז האָבן די דעה פאַנאַנדערצוזאָגן יעדן איינעם וואו און ווען, און אונטער וועלכע אומשטענדן, ער מוז טאָן זיין אַרבייט לטובת הכלל. אין דער פּראַקטיקע גרעניצט זיך אַזאַ איינפיר זעהר נאָענט מיט אַ סאָרט שקלאַפעריי, און עס פעלן ניט קיין ביישפּילן פון אַזוינע פּאַקטישע רעזולטאַטן סיי אין די אַמאָליגע, סיי אין די היינטיגע שטאַט־

קאָמוניזמען. דער אַנאַרכיזם פאַרוואַרפט אַזוינע איינפירן אין נאָמען פון פּערזענליכער פרייהייט. ער פאַרשטייט פרייהייט ניט ווי דער מאַרקסיסט קאַוטסקי, וועלכער זאָגט: „אַלץ וואָס דער סאָציאַליזם קאָן געבן די מענטשן איז פרייהייט פון הונגער"; ער פאַרלאַנגט פרייהייט ניט נאָר פון הונגער, נאָר אויך פון הערשאַפט, פון צוואַנג, פון זיין אונטערוואָרפן צו אַן אַנדערנ׳ס ווילן, ווען אפילו דער אַנדערער איז די מאַיאָריטעט, אָדער דער גאַנצער כלל.

# וואָס מיינט אינדיווידועלע פרייהייט?

א גרויסער טייל פון קאָנפליקטן צווישן די מיטגלידער פון א געזעלשאַפט, אין פרט פון וואָס איינער מעג אָדער טאָר ניט טאָן בשייכות צו אַנדערע, נעמט זיך פון די אומגלייכהייטן אין די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן, וועלכע גיבן פריווילעגיעס צו די באַזיצער און באַרויבן די ניט-באַזיצער פון זייערע נאַטירליכע רעכט. אונטער אַ סיסטעם פון עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיגקייט ווערט דער פּראָבלעם פון פּערזענליכער פרייהייט פיל פאַרקלענערט, אָבער דאָך ניט אינגאַנצן אָפּגעשאַפט, דער עיקר אין די פּאָליטישע באַציאונגען צווישן דעם יחיד און דעם כלל.

דער אויסדרוק פּערזענליכע פרייהייט ווערט אָפט מיסברויכט. די בורזשואַזיע פאַרטיידיגט די סאַמע שקלאַפעריי פון אונזער צייט, און דאָס רעכט פון די רייכע צו עקספּלואַטירן די אָרימע, אין נאָמען פון „געזונטן אינדיווידואַליזם"; און שרעקט אָן דעם עולם, אַז אַנאַרכיזם מיינט אומגעצאַמטע פרייהייט אָדער פּשוט'ע הפקירות, וואָס וועט מאַכן אַ חורבן פון יעדן געזעלשאַפטליכן לעבן. בעת ביי אַנאַרכיסטן גופא איז אויך ניטאָ קיין איינינקייט בנוגע דער דעפיניציע פון פרייהייט. די אַזויגערופענע „פילאָסאָפישע" אָדער אינדיווידואַליסטישע אַנאַרכיסטן שטעלן זיך אינגאַנצן צופרידן מיט דער ספּענסערישער פאָרמולע פון „גלייכע פרייהייט", וואָס מיינט, אַז יעדערער איז פריי צו טאָן ווי אים געפעלט, בתנאי אַז ער שטערט ניט די גלייכע פרייהייט פון אַנדערע. פון דער אַנדער זייט, אַ טייל אַנאַרכיסטן-קאָמוניסטן באַנוגנט זיך ניט אפילו מיט דער פרייהייט צו טאָן ווי איינער וויל, אויב ער האָט ניט אויך די פרייהייט צו ג ע נ י ס ן  אַ ל ץ  וואָס ער וויל, זיך ניט רעכענענדיג מיט דעם טייל, וואָס ער האָט בייגעטראָגן צו שאַפן די געווינשטע זאַכן.

די דאָזיגע ביידע אויסטייטשונגען פאַרפעלן איינצוזען דעם עצם פון דער אַנאַרכיסטישער אידעע פון פּערזענליכער פרייהייט. גלייכע פרייהייט איז דער לאָזונג פון דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט אָפּגעשאַפט די טיראַניי פון די סאַטראַפּן און זעלבסט-הערשער, און זייער אונטערדריקונג פון די מאַסן לטובת די פּריווילעגירטע פּערזאָנען אָדער אָרגאַניזאַציעס. דער פּרינציפּ איז אודאי אַ פּראָגרעסיווער און אַ גערעכטער, ווען ער זאָל אָנגעווענדט ווערן אויף די באַציאונגען פון עקאָנאָמיש גלייכבארעכטיגטע מענשן. אין אַ געזעלשאַפט אָבער, וואָס איז געבויט אויף דער עקספּלואַטאַציע פון עקאָנאָמיש הילפלאָזע, איז „די פרייהייט צו טאָן" אַ פּוסט וואָרט, בעת דער „בתנאי" פּילט אָן טויזנטער געזעצביכער פון באַשרענקונגען.

פון דער אַנדער זייט קאָן מען אין דעם באַגריף פרייהייט בשום אופן ניט איינשליסן דעם תנאי פון אומבאַגרעניצטן געניס. פרייהייט אין עקאָנאָמישן זין קאָן יעדן איינעם געבן די מעגליכקייט זיך צו באַזאָרגן מיט אַלע גענוסן פון לעבן; אָבער קיין פּרינציפּ פון פרייהייט בארעכטיגט ניט קיין דערוואַקסענעם מענשן, אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן, צו נעמען, אויב ער אַנטזאָגט זיך צו געבן. גענימן די פּראָדוקטן וואָס אַן אַנדערער האָט געשאַפן אָן זיין צושטימונג, איז גאַנץ זיכער אַ פאַרלייקענונג פון יענעמ'ס פרייהייט. און ווען עס וואָלט אפילו ריכטיג געווען, אַז די געזעלשאַפט איז שולדיג יעדן איינעם אַ גענוספולן לעבן, וואָלט דאָן אויך אויסגעקומען מיט דערזעלביגער לאָגיק, אַז כדי צו געבן דער געזעלשאַפט די מעגליכקייט מיך צו באַזאָרגן מיט אַלעם גוטן, מוז איך טאָן מיין חלק אין שאַפן די אַלע גוטע זאַכן, וועלכע פאַלן דאָך ניט אַראָפּ ווי מן פון הימל; אַ חוץ וואָס איך וואָלט געמוזט דערצו אויספאַלגן די באַפעלן און דירעקטיוון פון מיין פאַרזאָרגערין.

דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל פון אינדיווידועלער פרייהייט גייט ווייטער און טיפער איידער די אידעע פון גלייכער פרייהייט, אפילו אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, וואו אַלע איינצעלנע זיינען פאַרזאָרגט מיט חיונה. אין די באַציאונגען פון די איינצעלנע איינע צו די אַנדערע איז גלייכע פרייהייט אַ גערעכטער און

נויטיגער פּרינציפּ: קיין געזעלשאַפטליך צוזאַמענלעבן איז ניט מעגליך, אויב יעדערער קאָן זיך נעמען די פרייהייט צו טאָן אַזוינע זאַכן וואָס שאַדן אַן אַנדערן. אין די באַציאונגען אָבער פון דעם יחיד צום כלל — אין די באַשלוסן וואָס קהל באַשטימט פאַר מאַיאָריטעט לטובת הכלל, איז די גלייכע פרייהייט קיין באַשיצונג ניט פאַר דעם איינצעלנעם, וואָס איז אומצופרידן מיט די באַשלוסן פון דער מערהייט. דאָ קומט דער אַנאַרכיסטישער פּרינציפּ פון דעם איינצעלנעמ'ס פרייהייט **ניט** צו טאָן וואָס אים געפעלט ניט, ניט אונטערצוואַרפן זיך צו דעם באַשלוס פון דער מערהייט און, ניט שטערנדיג די אַנדערע, צו האָבן דאָס רעכט זיך צוריקצוציען פון מיטאַרבייטערשאַפט.

דער באַגריף פון אינדיווידועלער פרייהייט איז בעצם אַ נעגאַטיווער: פרייהייט **פון**, ניט פרייהייט **צו**. פרייהייט פון אַן אַנדערנ'ס צוואַנג, פון באַשרענקונג מצד אַן אַנדערנ'ס ווילן; ניט פרייהייט **צו טאָן** אַלץ וואָס איינער וויל, בשייכות צו אַנדערע, ניט פרייהייט **צו נעמען** אַלץ וואָס איינער האָט בכח, ווי שטירנער דריקט זיך אויס, וואָרים פרייהייט שליסט אויס אָנגריף, צוואַנג און באַשרענקונג. מען מוז אויך דערביי איינזען, אַז ניט אַלע פירונגען, וואָס אייניגע גענאָסן פאַרבינדן מיט דעם באַגריף פרייהייט, האָבן אין עצם צו טאָן מיט אַנאַרכיסטישע פּרינציפּן. אַזוינע פירונגען ווי פרייע ליבע, אין דעם וואולגאַרן זין פון וואָרט: די פרייהייט נאָכצוגעבן אַלע גלוסטן, די פרייהייט פון אפּיקורסות, אָדער אפילו עקסטרעמע פרייהייט אין קינדער-דערציאונג, מעגן אונטער געוויסע אומשטענדן אריינגענומען ווערן אין דעם גדר פון אַ פרייען לעבן, אָבער קיין פּרינציפּן פון אַנאַרכיזם זיינען זיי ווייט ניט. ניט-אַנאַרכיסטן קאָנען אויך האַלטן פון אַזוינע „פרייהייטן“; און פאַרקערט, ניט יעדער אַנאַרכיסט מוז זיין פאַר פרייע געשלעכטליכע באַציאונגען, אָדער מוז לייקענען אין אַ געטליכער קראַפט, מוז זיין אַ בעל תאוה, אָדער מוז האַלטן פון די ראַדיקאַלסטע דערציאונגס מעטאָדן. דער עיקר פון דער אַנאַרכיסטישער לערע באַשטייט אין דער פרייהייט פונ'ם יחיד געגנאיבער די צווינגנדיגע באַשלוסן פון דעם רבים, וועלכע פרייהייט אַלע סאָציאַליסטישע גע-

זעלשאַפט-פּלענער באַשטרייטן און פאַרלייקענען. פרייהייט פון דער הערשאַפט פון דער מאַיאָריטעט, ניט די פרייהייט צו שטערן אַקטיוו, צו שעדיגן די דורכפירונג פון אירע פּלענער, מיט וועלכע איינער איז ניט מסכים. דאָס מיינט ניט, אַז דער אַנאַרכיזם פאַר-וואַרפט אין פּרינציפּ יעדע מאַיאָריטעט-איינפירונג לטובת הכלל; ער פאַרוואַרפט נאָר דעם עלעמענט פון צוואַנג וואָס שטעקט אין דעם איינפיר. ווען דער איינצעלנער, וואָס איז לכתחילה אַ געגנער, באַשליסט מיט זיין פרייען ווילן, צוליב אַ געזעלשאַפטליכן מאָטיוו, אויפצוגעבן זיין געגנערשאַפט און מיטאַרבעטן מיט דער מאַיאָרי-טעט, פאַרלייקענט ער ניט דערמיט זיין פרייהייט, ווייבאַלד ער איז ניט געצוואונגען צו ענדערן זיין מיינונג.

דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל איז דעריבער אַ געזעלשאַפט פון פרייוויליגער קאָאָפּעראַציע אָן קיין שום צוואַנג אָדער רעגימענ-טאַציע פון צענטראַליזירטע שטאַטליכע אָדער פאַרוואַלטערישע ביוראָס, אונטער דעם באַדינג פון פולע און גלייכע געלעגנהייטן פאַר יעדן איינעם צו געווינען פאַר זיך עקאָנאָמישע אומאָפּהענ-גיגקייט, לויט זיינע פעאיגקייטן און באַמיאונגען. אָט דער אידעאַל איז דער יסוד פון די צוויי הויפּט שולעס פון אַנאַרכיזם, ווי פאַר-שיידן זיי זאָלן אין פלוג ניט זיין בנוגע דעם עקאָנאָמישן געבוי פון דער געזעלשאַפט און דער מעטאָדע ווי צו דערגרייכן די גרויסע ענדערונג.

## די צוויי הויפט שולעס פון אנארכיזם.

מען הערט אפט דעם פארוואורף, אז דער אנארכיזם שטעלט ניט פאר מיט זיך קיין קלאר באשטימטע לערע; אז יעדע גרופע אין יעדן לאנד האט איר אייגענעם אנארכיזם, און אפילו דער אומפארטייאישער פארשער פון די אנארכיסטישע לערען, דר. פאול עלטצבאכער, האט אנגעגעבן גאנצע זיבן טאטעס פון אנארכיזם, וועלכע שטימען ניט איינער מיט דעם אנדערן אין וויכטיגע פרטים. דער פארוואורף איז ווייט ניט קיין באגרינדעטער: חילוקים אין אויסטייטשונגען פון גרונד-פרינציפן און פארשיידענע מיינונגען אין פראגן פון טאקטיק זיינען געוועגליכע דערשיינונגען אין אלע סאציאליסטישע באוועגונגען, און אפילו דער מארקסיזם האט זיינע פארשיידענע אויסטייטשער. וואס איז שייך צו די עלטצבאכערישע זיבן טאטעס, לאזט זיך אויס פון זיי אין דער ווירקליכקייט בלויז ניט מער ווי צוויי-דריי — פרודאן און באקונין-קראפאטקין. אויב די פארלייקענונג פון טיראניי און שטאט-הערשאפט, און די פרעדיגונג בכלל פון יושר און גערעכטיגקייט אין מענשליכן צוזאמענלעבן, קאן אנגערופן ווערן אנארכיזם, דאן זיינען גאדווין, דער עטישער מאראליסט, און טאלסטאי, דער קריסטליכער מאראליסט, אויך געווען אנארכיסטישע לערער; אבער קיין באזונדערע שולעס האבן זיי ניט געגרינדעט. שטירנער האט חוזק געמאכט פון אלע אידעאלן און הייליגקייטן און האט פאראויסגעזען דעם ניטשעאנישן איבערמענש, וועלכער קאן זיך גארניט אריינפאסן אין אן אנארכיסטישער געזעלשאפט. טאקער, ווידער, האט אין איינינגע פרטים פון פרייהייט און רעכט דערפירט שטירנער׳ס און פרודאנ׳ס אידעען ביז צום אבסורד, און קיין אייגענע שולע ניט געשאפן. פון די זיבן, הייסט עס, בלייבן ניט מער ווי פרודאן, דער ערשטער באגרינדער פון אנארכיזם, און קראפאטקין, וועמען מען קאן קוים

אָפּטיילן פון באַקונינ׳ען, און וועמענ׳ס לערע האָט לעצטענס גע-וואונען די העגעמאָניע איבער דעם גרעסטן טייל פון דער אַנאַר-כיסטישער באַוועגונג.

אונזער אויפגאַבע דאָ איז איבערצוגעבן די הויפּט-שטריכן פון די אַנאַרכיסטישע לערען, ווי מיר געפינען זיי אין די שריפטן פון דידאַזיגע צוויי לערער, זיך אָפּשטעלענדיג דער עיקר אויף די פונקטן פון שטאַט און געזעץ, אייגענטום, פּריוויליגע אָפּמאַכן, און די מיטלען צו פאַרווירקליכן דעם אידעאַל. אַזוי ווי די פּרודאָנישע שולע איז די עלטערע און איצט די וועניגער באַקאַנטע, וועלן מיר זי איבערגעבן צוערשט, דערמאָנענדיג בקיצור אַ היינטיגע אָפּ-צווייגונג אירע, וועלכע גייט אונטער דעם נאָמען מ ו ט ו אַ ל י ז ם. די קראָפּאָטקינשע שולע וועט באַשריבן ווערן דערנאָך, צוזאַמען מיט איינינגע אַלגעמיינע באַמערקונגען וועגן זייערע טעאָרעטישע און פּראַקטישע חילוקים.

## די פּרודאָנישע שולע.

פּיער זשאָזעף פּרודאָן, דער באַרימטער פראַנצויזישער דענקער און עקאָנאָמיסט (געבוירן אין יאָר 1809, געשטאָרבן אין 1865) האָט אָנגערופן זיין לערע אַנאַרכיזם שוין אין זיין ערשטן וויכטיגן בוך „וואָס איז אייגענטום", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1840. צווישן זיינע אַנדערע גרויסע ווערק, אין וועלכע ער האָט אַנטוויקעלט זיינע אַנאַרכיסטישע אידעען, איז ספּעציעל וויכטיג זיין בוך „די אַלגעמיינע אידעע פון דער רעוואָלוציע אין 19טן יאָרהונדערט", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין 1851, פון וועלכן מיר וועלן דאָ ברענגען אָפטע ציטאַטן.

פּרודאָנ׳ס לערע איז דער דורכאויס אויסגעהאַלטענער אַנאַרכיזם — הערשאַפטלאָזיגקייט און פּערזענליכע פרייהייט אין אַלע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַציאונגען. ער לייקענט אָפּ אין פּרינציפּ יעדע פּאָליטישע אויטאָריטעט, וואָס ווייזט זיך אַרויס אין דער פּראַקטיק ווי א הערשערישע רעגירונג. ער פאַרוואַרפט די פאָרשלאַגן פון די רעוואָלוציאָנערע טוער פון זיין צייט פאַר א „דירעקטער געזעצגעבונג", א „דירעקטער רעגירונג" אָדער פאַר א „פאַראייניפאַכטער רעגירונג", און באַהויפּטעט, אז די רעוואָלוציאָנערע פאָרמולע מוז זיין ניט אַנדערש ווי נאָר ג א ר ק י י ן ר ע ג י ר ו נ ג נ י ט. ער זאָגט: „דירעקט אָדער אומדירעקט, איינפאַך אָדער קאָמפּליצירט — רעגירן איבערן פאָלק איז אַלעמאָל באַשווינדלען דעם פאָלק; עס מיינט אַלעמאָל אז איין מענטש באפעלט דעם אַנדערן, און דאָס מאַכט א סוף פון פרייהייט."

### שטאַט און געזעץ.

פּרודאָן גייט דורך די געשיכטע פון די פאַרשיידענע פאָרמען פון רעגירונגען און קומט צום שלוס, אז אויך די לעצטע פאָרם,

די היינטיגע דעמאָקראַטיע, איז אַן אוממעגליכקייט און אַן אומזין.

ער זאָגט: „די ערשטע פאָרם, אונטער וועלכער דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט ווייזט זיך אַרויס, איז די ריינסטע, טיכטיגסטע און מער אָפענע פאָרם פון רעגירונג, אָבער אויך העכסט דערווידער דער פאַרנונפט און דעם געפיל פון פרייהייט. דאָס פאָלק ווערט שטענדיג אויפגעבראַכט געגן איר און לאָזט הערן זיין פּראָטעסט פון צייט צו צייט דורך אויפשטאַנדן. דאָס צווינגט דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט צוריקצוטרעטן פון זיין פּאָזיציע, און ער טרעט צוריק ביסלעכווייז, נאָכגעבנדיג איין קאָנצעסיע נאָך דער אַנדערער.

„די מענטשהייט פרעגט אירע הערשער: פון וואַנען נעמען זיך אייערע פּרעטענזיעס צו געוועלטיגן איבער מיר און מיך צו רע-גירן? זיי ענטפערן: ווייל די געזעלשאַפט קאָן ניט אויסקומען אָן אָרדענונג; ווייל אין געזעלשאַפט מוזן זיין איינינגע וואָס פאָלגן און אַרבייטן, און אַנדערע וואָס דירעקטירן און באַפעלן; ווייל היות ווי די אינדיווידועלע פעאיגקייטן זיינען ניט קיין גלייכע, די אינ-טערעסן זיינען געגנגעזעצטע, די לײדנשאַפטן זיינען פיינדליכע, און די נוצן פונ׳ם יחיד גייען להיפך צו די נוצן פונ׳ם כלל, מוז זיין אַ געוויסע אויטאָריטעט וואָס זאָל אָנווייזן די גרעניצן פון די רעכטן און פליכטן, אַ געוויסער ריכטער וואָס זאָל אָפּשטעלן די מחליקות, אַ געוויסע עפענטליכע מאַכט וואָס זאָל דורכפירן אירע אורטיילן. דער שטאַט איז אָט די אומבאַשרענקטע אויטאָריטעט, אָט דער ריכטער וואָס גיט יעדערן זיינס, אָט די מאַכט וואָס זעט, אַז דער פרידן זאָל אָפּגעהיט ווערן. מיט איין וואָרט, רעגירונג איז דער פּרינציפּ און די גאַראַנטיע פון געזעלשאַפטליכער אָרדענונג.

„די דאָזיקע דערקלערונג איז איבערגע׳חזר׳ט געוואָרן אין אַלע צייטן און פון אַלע הערשער. זי איז אַלעמאָל דיזעלביגע, אַחוץ אין דעם ערך פון די קאָנצעסיעס צו פרייהייט, וואָס זיי פאַרשפּרעכן צו מאַכן — פאַרפירערישע קאָנצעסיעס, וועלכע לייגן-צו צו די פאָרמען פון רעגירונג וואָס הייסן מעסיגע, קאָנסטיטוציאָנעלע, דע-מאָקראַטישע און דערגלייכן, אַ בייגעשמאַק פון היפּאָקריטסטווע. רעגירונג ווערט אָט אַזוי פאַרגעשטעלט ווי די אַבסאָלוטע, נויט-ווענדיגע באַדינגונג פון אָרדנונג, אַזוי ווי זיי בײדע, רעגירונג און

אָרדענונג, וואָלטן געשטאַנען אין דער שייכות פון אורזאַך און וויר-
קונג. דאָס איז אָבער אַ פאַלשע פאָרשטעלונג. אָרדענונג קאָן מען
באַגרייפן אויף פאַרשיידענע אופנים, און ווער זאָגט עס אונז, אַז
אָרדענונג אין אַ געזעלשאַפט איז דאָס וואָס אירע הערשער ווילן
עס אַזוי אָנרופן? פרייהייט איז די מוטער, ניט די טאָכטער פון
אָרדענונג.

„פון איין זייט ווערט אָנגעגעבן די אומגלייכקייט פון פעאיג-
קייטן וואָס פירט צו אומגלייכקייט פון באַדינגונגען, און פון דער
אַנדער זייט די אוממעגליכקייט צו פאַראייניגן די חילוקים אין די
אינטערעסן און צו האַרמאָניזירן די מיינונגען. אָבער אין אָט דעם
אַנטאַגאָניזם ליגט העכסטנס אַ פּראָבלעם וואָס מען דאַרף לייזן,
ניט קיין אויסרייד פאַר טיראַניי. יאָ, איר הערן, די אומגלייכקייט
פון פעאיגקייטן, די פאַרשיידענע אינטערעסן — דערפון באַשטייט
טאַקע די סאָציאַלע פראַגע; און איר ווילט זי לייזן מיט דער בו-
לאַווע און דער ביקס! ווער האָט אייך געגעבן דאָס רעכט צו דענ-
קען, אַז מען קען ניט לייזן אָט דעם פּראָבלעם פון קעגנגעזעצטע
אינטערעסן און די אומגלייכקייט פון פעאיגקייטן; אַז כדי אָנצו-
האַלטן אָט די חילוקים איז נויטיג און רעכט צו באַנוצן געוואַלט?
איך באַהויפּט פאַרקערט, און אַלע די וועמען די וועלט רופט-אָן
אוטאָפּיסטן, ווייל זיי שטעלן זיך אַנטקעגן אייער טיראַניי, שטימען
איין מיט מיר, אַז מען קאָן געפינען אַ לייזונג. איינינגע מיינען,
אַז זיי האָבן געפונען די לייזונג אין דער קאָמונע, אַנדערע אין
אַסאָציאַציעס, נאָך אַנדערע — אין אינדוסטריעלע אָרדענונגען. איך,
פון מיין זייט זאָג, אַז די לייזונג געפינט זיך אין דער אָרגאַני-
זאַציע פון די עקאָנאָמישע קרעפטן, אונטער
דעם העכסטן געזעץ פון פרייען אָפּמאַך.

„מען קען געפינען אַ פאָרם פון האַנדלונג, וועלכע דערמיט
וואָס זי ברענגט צוזאַמען די פאַרשיידענע אינטערעסן, וואָס זי
גלייכט אויס די אינדיווידועלע מעלות, וואָס זי שאַפט-אָפּ די אום-
גלייכהייט פון דער נאַטור דורך בילדונג, לייזט זי אַלע פּאָליטישע
און עקאָנאָמישע ווידערשפּרוכן. אַ פאָרם, וואָס אונטער איר ווערט
דעם איינצעלנעמ'ס פרייהייט שטענדיג פאַרגרעסערט און האָט ניט

נויטיג אפצוגעבן קיין טייל פון איר; וואס זיין מאטעריעלער וואויל-שטאנד וואקסט אונטער איר אן א סוף און מאכט ניט דורך קיין פארלוסט, דורך די האנדלונגען פון דער געזעלשאפט אדער פון זיינע מיטבירגער, ניט אין זיין אייגענטום, ניט אין זיין ארבייט און זיין פארדינסט אדער אין זיינע אינטערעסן, אין זיינע מיי-נונגען, און אין זיין צוגעבונדנקייט צו זיינע חברים.

„ווי די זאך אבער זאל ניט זיין, הערט זיך צו, איר מעכטיגע, צו די ווערטער פון דעם פראדוצירער, דעם פראלעטאריער, וועמען איר ווילט צווינגען צו ארבייטן אויף אייך ווי א שקלאף, וועלכער זאגט: „איך פאדער ניט קיינעמ׳ס געלט אדער גיטער, אבער איך האב ניט בדעה צו לאזן וועמען עס איז בארויבן די פרוכט פון מיין ארבייט. איך וויל אויך ארדענונג, אזוי גוט ווי יענע וועלכע אין אמת׳ן צעשטערן זי נאכאנאנד דורך זייער אזוי-גערופענער רע-גירונג; אבער איך וויל עס ווי א רעזולטאט פון מיין פרייען אויס-וואל, ווי א באדינגונג פון מיין ארבעט, ווי א געזעץ פון מיין פארשטאנד. איך וועל זיך ניט אונטערווארפן צו אן ארדענונג וואס קומט פון אן אנדערנ׳ס ווילן, און וואס צווינגט אויף מיר ארויף קרבנות און קנעכטשאפט ווי ערשטע באדינגונגען!"

פרודאן פארלייקענט אלע שטאט-געזעצן. ער שרייבט: „דער שטאט מוז מאכן געזעצן, ווייל ער געפינט אזויפיל פארשיידענע אינטערעסן; און אזוי ווי די באזונדערע אינטערעסן און די בא-ציאונגען, וואס נעמען זיך איינע פון די אנדערע, זיינען אן א צאל, און די אנטאגאניזמען זיינען אן א סוף, מוז די געזעצמא-כעריי אנגיין אן אן אויפהער. געזעצן, דעקרעטן, באפעלן, רעזא-לוציעס פאלן ווי האגל אויף דער ארעמער באפעלקערונג. מען זאגט, אז די געזעצזאמלונג אנטהאלט שוין איצטער אריבער פופציג טויזנט געזעצן — גלויבט איר, אז די באפעלקערונג אדער אפילו די רעגירונג נופא קאן בלייבןביים זינען אין אט דעם לאבירינט? רוסא זאגט קלאר, אז דער בירגער, פאלגענדיג די געזעצן אין א ווירקליך-דעמאקראטישער און פרייער רעגירונג, פאלגט בלויז זיין אייגענעם ווילן. אבער דער געזעץ איז געמאכט געווארן ניט פרע-גענדיג ביי מיר, ניט קוקנדיג אויף מיין פאזיטיווער ניט-צושטימונג,

ניט קוקענדיג אויף דעם שאָדן וואָס ער פאַרשאַפט מיר. און בכלל, וואָס הייסט מאַכן געזעצן פאַר אַ מענשן וואָס דענקט פאַר זיך אַליין, און וואָס איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע אייגענע מעשים — מאַכן געזעצן פאַר אַ מענשן וואָס וויל זיין פריי און פילט זיך ווי ער פאַרדינט די פרייהייט? — איך בין גרייט צו פאַרהאַנדלען מיט מיינע חברים און אפילו איינגיין אויף פּשרות, אָבער איך וויל ניט קיין געזעצן. איך אַנערקען ניט קיינעם פון זיי; איך פּראָטעסטיר נעגן יעדער פאַראָרדענונג וואָס די מאַכט, מיט דעם אויסרייד פון נויטיגקייט, זוכט אַרויפצוצווינגען אויף מיין פרייען ווילן. געזעצן! מיר ווייסן וואָס זיי זיינען און אויף וואָס זיי טויגן. זיי זיינען שפּינוועבס פאַר די רייכע און מעכטיגע, שטאָלענע קייטן פאַר די שוואַכע און אָרימע, פישער-נעצן אין די הענט פון דער רעגירונג.

„איר זאָגט, איר וועט מאַכן ווייניג געזעצן, איר וועט פאַראייניג-פאַכן די פאַרשיידענע אינטערעסן. אָבער אויב איר קאָנט פאַר-איינפאַכן אין איין פונקט, קאָנט איר פאַראיינפאַכן אין אַלע פונקטן: אַנשטאָט אַ מיליאָן געזעצן, איז גענוג איין געזעץ. און וואָס פאַר אַ געזעץ זאָל דאָס זיין? — טו ניט צו אַנדערע וואָס דו ווילסט ניט, זיי זאָלן טאָן צו דיר: טו צו אַנדערע וואָס דו וואָלסט געוואָלט זיי זאָלן טאָן צו דיר. עס איז אָבער קלאָר, אַז דאָס איז ניט קיין שטאַט-געזעץ; דאָס איז די עלעמענטאַרע פאָרם פון גערעכטיגקייט, דער רעגל פון אַלע האַנדלונגען. די פאַראיינפאַכונג פון דער געזעצגעבונג פירט אונז, הייסט עס, צו דער אידעע פון אָפּמאַך, און פאָלגליך צו אַ פאַרלייקענונג פון אויטאָריטעט. אויב עס איז מער ניטאָ ווי איין געזעץ; אויב ער לייזט אַלע ווידערשפּרוכן פון דער געזעלשאַפט; אויב יעדערער גיט עס צו און נעמט אים אָן, איז ער גענוג פאַר אַלע געזעלשאַפטליכע קאָנטראַקטן. אויב אַן אָפּ-מאַך קאָן דורכגעפירט ווערן צווישן צוויי פּראָדוצירער, קאָן ער פונקט אַזוי גוט דורכגעפירט ווערן צווישן מיליאָנען, ווייל ער באַ-ציט זיך אַלעמאָל אויף אַן ענליכער פאַרפּליכטונג. ווען איר דער-קלערט דאָס, דערקלערט איר דערמיט דעם סוף פון רעגירונג.“

## דער פרייער אָפּמאַך.

פּרודאָן פאָדערט אין נאָמען פון גערעכטיגקייט, אַז דאָס גע-זעלשאַפטליכע צוזאַמענלעבן זאָל זיין געבויט אויף דעם יסוד פון דער געזעצליכער נאָרמע, אַז אָפּמאַכן, קאָנטראַקטן, מוזן אָפּגעהיט ווערן. ער האַלט ניט פון דער „העכער״ אבסטראַקטער מאָראַל, וואָס זאָגט, ווי גאָדווין, אַז קיין פאַרשפּרעכן אָדער אָפּמאַך דאַרף קיינעם ניט בינדן, ווייל אויב דאָס, וואָס איינער האָט פאַרשפּראָכן צו טאָן, איז גוט, מוז ער עס סיי-ווי טאָן, און אויב עס איז ניט גוט, קאָן קיין אָפּמאַך ניט פאַרפליכטן אים דאָס צו טאָן. לויט פּרודאָן קאָן קיין שטאַטלאָזע געזעלשאַפט ניט עקזיסטירן, אויב מענשן ווען ניט אָפּהיטן די אָפּמאַכן, אין וועלכע זיי טרעטן אריין פריי-ווילינ איינע מיט די אַנדערע.

ער זאָגט: „כדי איך זאָל קאָנען בלייבן פריי, כדי איך זאָל ניט מוזן פאָלגן קיין אַנדער געזעץ אויסער מיין אייגענעם, מוזן מיר פאַרוואַרפן די אויטאָריטעט פון שטים-קאַסטן, פון דעם פאַרטרע-טער-סיסטעם, פון יעדן איינפיר אין דער רעגירונג וואָס איז באַ-גרינדעט אויף געטליכע רעכט, און איבערבויען אַלץ אויפ׳ן יסוד פון דער מענשליכער אידעע פון אָ פּ מ אַ ך.

„ווען איך שטים איין וועגן וועלכן עס איז עסק מיט איינעם אָדער מערערע פון מיינע מיטבירגער, איז קלאָר אַז מיין אייגענער ווילן איז מיין געזעץ; אַז איך אַליין, נאָכקומענדיג מיין התחיבות, בין מיין אייגענע רעגירונג. איז, ווען איך וואָלט געקאָנט מאַכן אַ קאָנטראַקט מיט אַלעמען אַזוי ווי איך קאָן מאַכן מיט אייניגע; ווען אַלע וואָלטן געקאָנט באַנייען דעם קאָנטראַקט צווישן זיך, ווען יעדע גרופּע פון בירגער, יעדע שטאָט, באַצירק, פּראָווינץ, קאָרפּאָראַציע א. אז. וו., וואָס האָט זיך פאָרמירט דורך אַן ענליכן אָפּמאַך, וואָלט אַלע מאָל געקאָנט זיך פאַרשטענדיגן דורך אים מיט אַלע אַנדערע גרופּעס, דאַן וואָלט עס געווען אַלץ איינס ווי מיין אייגענער ווילן וואָלט פאַרפילפאַכט געוואָרן ביז אומענדליכקייט. אָט אַזוי וואָלט דער פּרינציפּ פון אָפּמאַך, אַ סך מער איידער דער

פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, אַרויסגעבראַכט די פאַראייניגונג פון די פּראָדוצירער, וואָלט צענטראַליזירט זייערע קרעפטן און פאַרזיכערט די איינהייט און סאָלידאַריטעט פון זייערע אינטערעסן.

„דאָס סיסטעם פון קאָנטראַקטן, ווען עס ווערט איינגעפירט אָנשטאָט דעם סיסטעם פון געזעצן, וואָלט געווען די אמת׳ע רעגירונג פון דעם מענשן און דעם בירגער, די אמת׳ע הערשאַפט פון פאָלק און פון דער רעפּובליק. וואָרים דער קאָנטראַקט איז פרייהייט, דאָס ערשטע וואָרט פון דער רעפּובליק׳ס מאָטאָ. איך בין ניט פריי, ווען איך העגג אָפּ פון אַן אַנדערן אָן מיין אַרבייט, מיין לוין אָדער אָן דער מאָס פון מיינע רעכטן און פליכטן, סיי דער אַנדערער הייסט די מאַיאָריטעט אָדער די גאַנצע געזעלשאַפט; און איך בין ווייט ניט פריי, ווען איך בין געצוואונגען צו באַשטימען אַ פאַרטרעטער מיך צו רעגירן, ווען ער וואָלט אפילו געווען מיין געטרייעסטער דינער. דער קאָנטראַקט איז גלייכהייט אין זיין טיפן און גייסטיגן עצם. דער מענש, מיט וועמען איך טרעט אריין אין אַן אָפּמאַך, האַלט זיך פאַר מיין גלייכן; ער שטעלט זיך ניט אין דער לאַגע פון מיין באַלעבאָס און עקספּלואַטאַטאָר, וועלכער פאָדערט פון מיר מער וויפיל עס לוינט זיך מיר אים צו געבן. דער קאָנטראַקט איז ברידערליכקייט, ווייל ער אידענטיפיצירט אַלע אינטערעסן, אייניגט-אויס אַלע חילוקים, לייזט-אויף אַלע ווידערשפּרוכן, און דערמוטיגט ממילא די געפילן פון פריינדשאַפט און ליבשאַפט, וועלכע ווערן צעטראָטן אין דעם עקאָנאָמישן כאָאָס דורך דער רעפּרעזענטאַטיווער רעגירונג און פרעמדע געזעצן. דער קאָנטראַקט איז לסוף אָרדענונג, ווייל ער איז די אָרגאַניזאַציע פון די עקאָנאָמישע קרעפטן אָנשטאָט דער היינטיגער פאַרניכטונג פון פרייהייט, דער אויפּאָפּפערונג פון רעכט און דער אונטערדריקונג פון ווילן.“ —

## אייגענטום.

פּרודאָן האַלט, אַז אייגענטום איז גניבה און גזילה, און האָט קיין באַרעכטיגונג ניט אין אַ פרייער געזעלשאַפט. עס איז אָבער

זייער וויכטיג צו פאַרשטיין אין וועלכן זין ער האַלט אייגענטום פאַר גניבה; וואָרים אין אַן אַנדער אָרט זאָגט ער קלאָר, אַז ער איז כּלל ניט אויסן צו צעשטערן דאָס אייגענטום, אַז „דאָס אייגענטום, אויף ווי ווייט זיין גרונטלאַגע און זיין אינהאַלט שטעלט-צונויף די מענשליכע פּערזענליכקייט, וועט קיינמאָל ניט בטל ווערן. אַלס אַ שטענדיגער סטימול צו אַרבעט, אַלס אַ געגנקראַפט, וואָס אָן איר וואָלט די אַרבעט ווערן מאַט און שטאַרבן, מוז עס אייביג בלייבן אין די הערצער פון מענשן." אייגענטום וואָס קומט ניט פון אייגענער אַרבעט, דהיינו די עקספּלואַטאַציע פון געדונגענע אַרבעטער, אָדער די הכנסה פון רענט און פּראָצענט, איז גניבה; די פרוכט אָבער פון אייגענער אַרבעט, די פּראָדוקטן וואָס אַ מענש שאַפט, אַריינלעגנענדיג אין זיי זיין מי און פעאיקייט, איז לויט דעם פּרינציפּ פון גערעכטיגקייט, אדרבה, אַן ערליך און כשר פאַרדינט אייגענטום.

די ערד מיט אַלע רוי-שטאָפן, וואָס געפינען זיך אין איר, געהערט צו קיינעם ניט אַלס אייגענטימער, נאָר געהערט צו אַלעמען אַלס באַזיצער און געברויכער. „יעדער מענש האָט, דורך דעם פאַקט אַליין וואָס ער עקזיסטירט, דאָס רעכט צו באַזיצן אַ טייל ערד וואָס ער זאָל קענען באַאַרבעטן און אויסנוצן, ווייל אָן דעם קען ער זיך ניט באַגיין. און אַזוי ווי די צאָל באַזיצער ענדערט זיך לויט דער צאָל פון דער באַפעלקערונג, קאָן יעדער באַזיץ ניט בלייבן תמיד אין אַ פעסטער און באַשטימטער מאָס, און קאָן דעריבער קיינמאָל ניט ווערן קיין אייגענטום."

דער לאַנגיאָריגער באַזיץ פון לאַנד, די חזקה, און אפילו די אַרבעט וואָס איז אַריינגעטאָן געוואָרן אין דעם לאַנד, האָט ניט קיין שום אָנאייגענונגס-קראַפט איבער דעם לאַנד. „איר זאָגט", שרייבט פּרודאָן, „ווען דער באַזיצער האָט דורך זיין אַרבעט פאַרטאָפּלט דעם ווערט פון דער ערד, איז דער נייער ווערט זיין ווערק, זיין שאַפונג, פון קיינעם נישט אוועקגערויבט, און דעריבער איז עס זיין אייגענטום. איך באַהויפּט, אַז דער באַזיצער איז באַלוינט פאַר זיין אַרבעט און פלייסיגקייט שוין דורך דער פאַרטאָפּלונג פון גערעטעניש, אָבער ער געווינט ניט דערמיט קיין רעכט אויפ'ן

לאַנד. אייגענטום אין די פּראָדוקטן שליסט ניט איין קיין אייגענ-טום-רעכט אויף דעם לאַנד. ווערט דען דער פישערמאַן, וועלכער ווייס ווי צו כאַפּן מער פיש אויף דעמזועלבינגן ברעג ים איידער זיינע חברים, אויך דער אייגענטימער פון די וואַסערן וואו ער פישט? דער מענש האָט געשאַפן אַ פּראָדוקטיווע מעגליכקייט וואָס האָט פריער ניט עקזיסטירט, אָבער די מעגליכקייט קאָן גע-שאַפן ווערן נאָר דורך דער מאַטעריע וועלכע עקזיסטירט פון פריער. דער שטאָף פון דער ערד, די ערד אַלס ווערקצייג, בלייבט דיזעלביגע: אייגענטום פון דעם פּראָדוקט שליסט ניט איין דאָס אייגענטום פון דעם ווערקצייג. דער מענש האָט דעם שטאָף גופא ניט באַשאַפן, האָט ער אויף אים ניט מער ווי דאָס רעכט אויף באַזיץ און געברויך, מיט דעם תנאי פון שטענדיגער אַרבעט אויף אים."

פאַרקערט, דער וואָס אַרבעט פאַר אַן אַנדערן, סיי אויפ'ן פעלד, סיי אין פאַבריק, „שאַפט אַ ווערט פאַר וועלכן ער קריגט ניט באַצאָלט. דער טאָג-לוין איז בלויז די הוצאה וואָס איז נויטיג צו דערהאַלטן און דערפרישן די טעגליכע פאַרלוסטן פון דעם אַרבע-טער'ס ענערגיע. די רעפּראָדוצירענדיגע קראַפט, די צוגרייטונג פון באָדן, דאָס שאַפן דעם ווערקצייג פאַר דער פּראָדוקציע — פאַר דעם צאָלט דער קאַפּיטאַליסט קיינמאָל ניט. אָט דער שווינדלע-רישער אָנזעץ, וואָס שאַפט די אָרימקייט פון די אַרבעטער, דעם לוקסוס פון די ליידיג-גייער און די אומגלייכקייט פון די לעבנס-באַדינגונגען, איז ריכטיג אָנגערופן געוואָרן די עקספּלואַטאַציע פון איין מענשן דורך דעם אַנדערן."

עס שטעלט זיך די פראַגע: „אויב דער שמיד, דער וואָגענ-מאַכער אָדער אַן אַנדער בעל-מלאכה האָט אַ רעכט אויף דעם פּראָ-דוקט וואָס ער שאַפט און אויף דעם געצאָלט פאַר דעם אינסטרו-מענט וואָס ער שטעלט-צו דעם געברויכער; און אויב די ערד איז אַן אינסטרומענט פון פּראָדוקציע — איז, פאַרוואָס זאָל אויך אָט דער אינסטרומענט ניט ברענגען זיין אייגענטימער אַ חלק פון דעם פּראָדוקט, פּונקט אַזוי ווי דעם בעל-מלאכה וואָס מאַכט די סאָכעס אָדער וואָגענס? דער תירוץ איז — און דאָ רירן מיר אָן דעם

תוך און דעם יסוד פון אייגענטום — דער ארבעטער וואס פאבריצירט אדער פאררי‌כט די אינסטרומענטן פון דעם אקערבויער קריגט זיין פרייז א י י ן מ א ל, און נאכדעם ווי ער האט געקראגן זיין געצאלט, זיינען די ווערקצייג ניט מער זיינע; דער אייגענטימער פון לאנד, פארקערט, גיט גאר נישט אוועק פון זיין ווערקצייג, לאזט זיך אייביג פאר אים באצאלן אין רענט אדער צינזן, און איז זיין אייביגער באלעבאס."

דער פרינציפ פון גערעכטיגקייט פאדערט די פארניכטונג פון דער אייגענטום-גניבה; און פרודאן פרעגט זיך: „ווען דאס אייגענטום וועט פארניכטעט ווערן, וואס פאר א פארם וועט די געזעלשאפט אננעמען? וועט עס זיין קאמוניזם?"

ער זאגט: „איך דארף ניט פארדעקן דעם פאקט, אז אייגענטום און קאמוניזם זיינען אלעמאל באטראכט געווארן אלס די איינציג-מעגליכע פארמען פון געזעלשאפט. דער דאזיגער טרויעריגער טעות האט מעגליך געמאכט די עקזיסטענץ פון אייגענטום. די חסרונות פון דעם קאמוניזם זיינען אזוי בולט, אז עס איז ניט שווער געווען אים נמאס צו מאכן ביי מענשן. די אומגערעכטיגקייטן וואס ער פאראורזאכט, די פארגוואלטיגונג פון די סימפאטיעו און אנטיפאטיען, דער אייזערנער יאך וואס ער צווינגט ארויף אויף דעם ווילן, די מאראלישע יסורים וואס ער פארשאפט דעם געוויסן, דער נאנצער אומעט וואס ערווארפט ארויף אויף דער געזעלשאפט; בקיצור, די פרומע און אידיאטישע איינפארמיגקייט וואס ער צווינגט ארויף אויף דער פרייער, אקטיווער, דענקענדיגער פערזענליכקייט פונ'ם מענשן, האבן אויפגעבראכט דעם געזונטן פארשטאנד און פאראורטיילט דעם קאמוניזם אויף אייביג."

פרודאן נעמט ניט אין באטראכט די מעגליכקייט פון א פרייוויליגן גרופן-קאמוניזם, וועלכער מוז ניט האבן קיינעם פון די פריער-אויסגערעכנטע חסרונות, ער רעדט וועגן קאמוניזם אלס אן אלגעמיין-פעסטגעשטעלטן עקאנאמישן סיסטעם, און ברענגט ראיות פון די אמאליגע קאמוניסטישע געזעלשאפטן, וועלכע זיינען ניט געווען געבויט אויף פרייהייט. ער דערמאנט, אז די קאמוניסטישע רעפובליק פון פלאטאן נעמט-אן שקלאפעריי; אז די רעפובליק פון

ליקורגוס האָט געהאַלטן העלאָטן; די קאָמוניסטישע געמיינשאַפטן פון דער פּרימיטיווער קירך זיינען דעגענערירט געוואָרן אין מאָנאַסטירן, און אין דער קאָמוניסטישער געמיינדע פון די יעזואיטן אין פּאַראַגוויי איז די לאַגע פון די נעגער געווען פּונקט אַזוי טרויעריג ווי די לאַגע פון שקלאַפן. ער פאַרוואַרפט אָט דעם סיסטעמאַטישן קאָמוניזם ניט נאָר אין נאָמען פון פרייהייט, נאָר אויך ווייל ער געפינט, אַז אייגענטום איז דער באַזיס פון אַלע קאָמוניסטישע טעאָריעס.

„עס איז אמת,“ זאָגט ער, „אַז די מיטגלידער פון אַזאַ געמיינדע האָבן ניט קיין פּריוואַט אייגענטום; אָבער די געמיינדע איז דער אייגענטימער, און ניט נאָר פון די גיטער, נאָר אויך פון די פּערזאָנען און זייער ווילן. די טאַלאַנטן און אַלע פעאיגקייטן פון מענשן זיינען דאָס אייגנטום פונ׳ם שטאַט, וועלכער נעמט זיך דאָס רעכט זיי צו געברויכן צום נוצן פון כלל. קאָמוניזם, ווי אייגענטום, איז אומגלייכהייט, נאָר אין אַ פאַרקערטער פאָרם: אייגענטום איז די עקספּלואַטאַציע פון די שוואַכע דורך די שטאַרקע; קאָמוניזם איז די עקספּלואַטאַציע פון די שטאַרקע דורך די שוואַכע. דאָס געוויסן קאָן ניט פאַרטראָגן אָט די שעדליכע אויסגלייכונג; וואָרים אויב אפילו עס איז די פליכט פון די שטאַרקע צו העלפן די שוואַכע, ווילן זיי עס טאָן אויס גוטהאַרציגקייט, אָבער ווילן קיינמאָל ניט פאַרליידן די געצוואונגענע אויסגלייכונג. גיט זיי גלייכע געלעגנהייטן צו אַרבעטן און אַ גלייכן לוין,*) אָבער דערלאָזט קיינמאָל ניט עס זאָל זיך דערוועקן אין זיי אַ געפיל פון קנאה און זיי זאָלן נעמען חושד זיין איינער דעם אַנדערן אין אומטרייקייט ביים דורכפירן אַן אַלגעמיינע אויפגאַבע.“

„קאָמוניזם“, זעצט ער פאָרט, „איז אונטערדריקונג און שקלאַפעריי. דער מענש איז זעהר גערן צו פאָלגן דעם געזעץ פון פליכט, צו דינען זיין פאָטערלאַנד און טאָן געפעליגקייטן זיינע פריינט;

---

*) אין אַן אַנדער אָרט אַרגומענטירט פּרודאָן זעהר שטאַרק קעגן דעם רעכט פון די טאַלאַנטפולע און מער פעאיגע מענשן אויף גרעסערע שכירות פאַר זייער אַרבעט.

ער וויל אָבער ארבעטן ווען אים געפעלט, וואו אים געפעלט און אַזויפיל ווי אים געפעלט. ער וויל זיין דער באַלעבאָס אויף זיין אייגענער צייט; ער וויל דירעקטירט ווערן נאָר ווען די נויט פון דער זאַך פאָדערט עס; ער וויל טאָן זיין ארבעט מיט׳ן שכל, ניט אויף באפעל, זיך אָפּפערן דורך זיין אַלטרואיזם, ניט דורך א שקלאַפישער פליכט. יעדער פּלאַן וואָס וואָלט אויסגעקלערט געווארן צו פאראייניגן דעם קאָמוניזם מיט דעם אינדיווידועלן פארשטאַנד און ווילן, וואָלט זיך אויסגעלאָזט מיט אַן איבערבייט פון דער עיקר זאַך, איבערלאָזענדיג בלויז דעם אַלטן נאָמען.“

## די פאַרווירקליכונג פון דער פרייער געזעלשאַפט.

דער נייער צושטאַנד, זאָגט פּרודאָן, וועט אָנקומען אַזוי באַלד ווי די אידעע וועט ווערן פּאָפּולער; און כדי ער זאָל קענען אָנקומען, מוזן מיר די אידעע מאַכן פּאָפּולער. „מען זאָגט אונז: מאַכט נאָר די רעוואָלוציע, די אויפקלערונג וועט שוין קומען דערנאָך; אָבער די רעוואָלוציע גופא איז דאָך ניט מער ווי אַן אויפקלערונג פון די מוחות.“

פּרודאָן פאַרוואַרפט אַלע געוואַלטזאַמע מיטלען כדי איינצופירן פרייהייט. ער זאָגט, „באַקומען פאַר זיך גערעכטיגקייט דורך בלוטפאַרגיסונג איז א נויטפאַל, פאַר וועלכן די אַקאַרשט-אָנגעלאָפענע נאָלד-זוכער אין קאַליפאָרניע מוזן זיך אָנכאַפּן; אונז דאָ זאָל שוין פראַנקרייכ׳ס מזל אויסהיטן פון דעם! ווי אַזוי אָבער זאָלן מיר פּאָפּולער מאַכן די אידעע, ווען די בורזשואַזיע פאַרפאָלגט אונז, ווען די באַפעלקרונג וואָס איז ברוטאַליזירט דורך דער קנעכטשאַפט און איז פול מיט פאָראורטיילן און שלעכטע אינסטינקטן, איז נאָך אַלץ פאַרזונקען אין גלייכגילטיגקייט; ווען די געריכטן באַגייען זיך מיט אונז מערדעריש, ווען די רעגירונג פארשטיקט אונזער קול? — נאָר ניט געזאָרגט! זייער קאַמף געגן די אידעען ברענגט אַלץ מער פאָרווערטס די רעוואָלוציע.“

דאָס ווירקזאַמסטע מיטל, לויט פּרודאָנ׳ס מיינונג, ווי אַזוי צו איבערצייגן מענשן אין די נוצן פון א נייעם איינפיר, איז צו

געבן זיי א ביישפּיל פון א מעגליכער פריוויליגער און אומאָפּהענ-גיגער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע, לעבענדיג אונטער די איצ-טיגע אומשטענדן און אפילו ניט אריבערטרעטנדיג די היינטיגע גע-זעצן. ער וואָלט דורך זיין פּלאַן שוין איצטער אָנווענדן די פּרינ-ציפּן פון דעם צוקינפטיגן בנין פון דער פרייער געזעלשאַפט. ער זאָגט, „וועקט אויף די קאָלעקטיווע טעטיגקייט פון פאָלק, אָן וועל-כער זיין לאַגע וועט אייביג זיין א טרויעריגע און זיינע כחות וועלן שטענדיג אוועקגיין לאיבוד. לערנט אים שאַפן רייכטימער און אָר-דענונג מיט זיינע אייגענע הענט, אָן דער הילף פון זיינע בעלי-בתים.‟ ער רופט אָן דעם פּלאַן, די אָרגאַניזאַציע פון די עקאָנאָ-מישע קרעפטן און די אויפלייזונג פון רעגירונג אין דעם עקאָ-נאָמישן אָרגאַניזם.

כדי יעדער מענש זאָל קאָנען געניסן דעם פולן איינטראָג פון זיין ארבעט, מוז איינגעפירט ווערן געגנזייטיגקייט, און דעריבער רופט ער אויך אָן זיין לערע „די טעאָריע פון מוטואַליטעט.‟ ער האָט געזוכט צו געבן אזא קאָנקרעטן ביישפּיל דורך דער גרינדונג פון דער פאָלקס-באַנק. די אידעע פון עפענען אזא באַנק איז צו שאַפן א גרייטן קרעדיט, כמעט ניט צאָלענדיק קיין פּראָצענטן, פאַר אַלע וואָס קאָנען און ווילן אַליין פּראָדוצירן ניצליכע ארטיקלען. קרעדיט איז אין עצם געבויט אויף ארבעט, דעריבער דאַרפן די אַר-בעטער אים קאָנטראָלירן און באַנוצן פאַר זייערע אינטערעסן. היינט ליגט דער קרעדיט אין די הענט פון פאַרמיטלער, באַנקירן און פּראָצענטניקעס, וועלכע נוצן אים אויס פאַר זייערע פּראָפיטן, און באַרויבן דורך דעם, דירעקט און אומדירעקט, א גרויסן טייל פון דעם ארבעטער׳ס פאַרדינסטן. ווען אָבער די ארבעטער וואָלטן זיך געקאָנט באַנוצן מיט דעם וויכטיגן מיטל פון קרעדיט, וועל-כער געהערט אין אמת׳ן צו זיי, וואָלטן זיי געקאָנט פּטור ווערן פון דער נויט צו ארבעטן פאַר אַנדערע, ד. ה. פון מוזן אָפּגעבן דעם גרעסערן טייל פון זייערע פּראָדוקטן פאַר דעם געברויך פון קאַ-פּיטאַל. זיי וואָלטן געקאָנט ווערן די בעלי-בתים פון די געצייג און מאַשינערי מיט וועלכע זיי ארבעטן, זיי וואָלטן זיך באַפרייט פון דער הערשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטן, געוואָרן זעלבשטענדיג און

וואָלטן גענאָסן די פולע פּרוכט פון זייער אַרבעטזאַמקייט.

דער פּלאַן איז אַזוי: אַ געוויסע צאָל מענשן גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיווע באַנק פאַר דעם צוועק צו אַוואַנסירן קרעדיט אויף צו פּראָדוצירן אַלערליי ניצליכע זאַכן, און אָנצונעמען די געשאַפענע פּראָדוקטן לויט זייער ווערט אין אָפּצאָל פאַר'ן חוב. די באַנק אָפּערירט אָן מזומן געלט, נאָר זי לאָזט אַרויס אירע אייגענע נאָטן, וואָס צירקולירן ווי געלט צווישן אירע מיטגלידער, וועלכע פאַרפּליכטן זיך אָנצונעמען די נאָטן אין אויסטויש פאַר זייערע פּראָדוקטן. אין אָנהויב וועלן די מיטגלידער מוזן אַריינטראָגן יעדערער אַ גלייכע סומע געלט, כדי צו דעקן די ערשטע הוצאות פון דער באַנק און כדי צו קאָנען קויפן די רוי-מאַטעריאַל און די נויטיגע מאַשינעריע. שפּעטער, ווען די טראַנזאַקציעס פון דער באַנק צעוואַקסן זיך, און אירע צירקולאַציע-נאָטן, וואָס זיינען געזיכערט מיט ניצליכע און גאַנגבאַרע פּראָדוקטן, ווערן אָנגענומען ווי געלט פון אַלערליי הענדלער און גרויסע פאַבריקאַנטן, ווערט מזומן-געלט אינגאַנצן איבעריג און נאָר אַ קליינע סומע ווערט געברויכט אויף צו געבן אויסגאַב און אַנדערע מעגליכע פאָדערונגען. דער חילוק צווישן די געוועגליכע באַנק-נאָטן און די נאָטן פון דער פאָלקס-באַנק באַשטייט אין דעם, וואָס יענע זיינען צאָלבאַר אין געלט, בעת די זיינען אָנווייזונגען אויף פּראָדוקטן, און דער וואָס האַלט זיי, קאָן פאַר זיי באַקומען אַלע אַרטיקלען וואָס ער האָט נויטיג צום לעבן. אַזעלכע צייכן-געלט (Tokens) ווערן געברויכט היינטיגע צייטן אויך אין איינציגע ערטער דאָ אין לאַנד צוליב דעם קריזיס און אַרבעטסלאָזיגקייט.

א חוץ די אייגענטליכע מיטגלידער פון דער דאָזיגער קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט, קאָן יעדער בירגער אַריינטרעטן אין דער פאָלקס-באַנק ווי אַ מיטאַרבעטער. דערצו איז גענוג צוצושטימען צו דער קאָנסטיטוציע פון דער באַנק און זיך פאַרפּליכטן אָנצונעמען די באַנק-נאָטן. אַ מיטאַרבעטער פאַרשפּרעכט צו געבן דעם פאָרצוג אין האַנדל צו די אַנדערע מיטגלידער אָדער מיטאַרבעטער פון דער באַנק, און צו מאַכן אַלע זיינע באַשטעלונגען ביי זיי. און היות יעדע גרופּע אָדער איינצעלנע פּראָדוצירער קריגן זייער באַ-

טריב-קאַפּיטאַל ניט צאָלנדיג קיין פּראָצענטן צו דער באַנק, א חוץ וויפיל עס באַטרעפט די ווירקליכע הוצאה פון אָנפירן די באַנק, וואָס איז אויסגערעכנט געוואָרן אין אַן ערך פון א האלבן פּראָצענט, וועלן די ארבעטער-פּראָדוצירער קאָנען אָפּלאָזן זייערע סחורות צו זייערע קונדן ביליגער איידער די אַנדערע פאַבריקאַנטן, וועלכן דאַרפן צאָלן זעקס פּראָצענט אָדער מערער פאַר קרעדיט אין די פּראָפּיטירער-באַנקן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז וואָס מער פּראָדוצירער פון אַלערליי אַרטיקלען, וואָס מער מיטגלידער פון אַלערליי פּראָפעסיעס, און וואָס גרעסער די צאָל קונדן, אַלץ ברייטער און פולקאָמענער וועט די געזעלשאַפט ארבעטן. „ווען אַלע פּראָדוקטן פון ארבעט,“ שרייבט פּרודאָן, „וועלן האָבן דעמזעלבינן טויש-ווערט ווי געלט, וועלן אַלע ארבעטער קאָנען געניסן דיזעלביגע נוצן ווי די וואָס האָבן געלט-קאַפּיטאַל: יעדער איינער וועט זיין בכח צו פּראָדוצירן א ניט-אויסשעפּליכן קוואַל פון רייכטום. דאָס וועט לערנען די ארבעטער, וועלכע שטאַרבן פון הונגער, ווייל זיי קאָנען ניט קריגן קיין ארבעט, ווי אַזוי די ארבעט פון זייערע הענט זיינען ווערטן, וואָס זיי קענען פאַרנוצן צום לעבן פּונקט ווי זי וואָלט געוועזן מזומן געלט.“

אַז אַזעלכע מוטואַליסטישע געזעלשאַפטן האָבן א פּראַקטישע מעגליכקייט, באַווייזן די גרויסע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פאַרשיידענע לענדער. „די אינטערנאַציאָנאַלע קאָאָפּעראַטיווע אַליאַנץ“ האָט היינט-צו-טאָג*) גרופּעס אין 34 פאַרשיידענע לענדער, וואָס פאַרטרעטן 80 נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן יעדערע פון 50 ביז איבער 2,000 איינצעלנע געזעלשאַפטן. זיי אַלע האָבן אַריבער 50 מיליאָן מיטגלידער. עס איז פאַראַן א געזעלשאַפט וואָס האָט דריי און א האַלב מיליאָן מיטגלידער, אַלע פריייוויליג אַריינגעטראָטענע און קאָנען זיך צוריקציען צו יעדער צייט ווען זיי ווילן. די געזעלשאַפט האָט אַריבער 1,200 צווייגן, באַטרייבט 116 פאַבריקן און פּראָדוקטיווע אינדוסטריען, וואו עס ווערן פאַבריצירט

*) ציטירט פון בוך „וואָס איז מוטואַליזם“, לויט סטאַטיסטיק פון דעם יאָר 1922.

אַלע מעגליכע אַרטיקלען. זי האָט דעם גרעסטן טיי-האַנדל אין דער וועלט, אַרום 60 מיליאָן פונט אַ יאָר; פאַרמאָגט אַרום 6 טויזנט אַקער טיי-פּלאַנטאַציעס אין ציילאָן און איבער 28 טויזנט אַקער אין אינדיען, און באַשעפטיגט צען טויזנט אַרבעטער. זי פאַרמאָגט עט-ליכע-און-פערציג טויזנט אַקער לאַנד; זי אָפּערירט אַ באַנק מיט איבער 1,500 צווייגן אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. אירע טראַנזאַקציעס האָבן באַטראָפן מיט צען יאָר צוריק אַריבער צוויי ביליאָן מיט 408 און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר. זי שרייבט אַ העלפט פון די אינדוסטריעלע לעבנס- און צופאַל-פאַרזיכערונג פון גאַנצן לאַנד, און רעכנט אַ פערט-חלק פון דעם קאָסט וואָס די אַלטע פאַר-זיכערונג געזעלשאַפטן האָבן גערעכנט. אירע געזעלשאַפטליכע אַר-בעטן נעמען אַרום כמעט יעדן צווייג פון מענשליכער טעטיגקייט. די דאָזיגע געזעלשאַפט געפינט זיך אין לאָנדאָן, ענגלאַנד, און הייסט „די ענגלישע קאָאָפּעראַטיווע האָלסייל געזעלשאַפט.“

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג האָט זיך אַנטוויקעלט אין די לעצטע 80 יאָר, ניט דורך טעאָריעס, נאָר צוליב דער עקאָנאָמישער לאַגע פון פאָלק. איז, אויב אַזעלכע זאַכן קאָנען אויפגעטאָן ווערן אונטער היינטיגע קאַפּיטאַליסטישע אומשטענדן, וויפיל מער קאָן מען דערוואַרטן שפּעטער, ווען עס וועלן אָפּגעשאַפט ווערן די ספּע-ציעלע פּריווילעגיעס פון די קאַפּיטאַליסטן, און עס וועלן איינגע-פירט ווערן גוגענזייטיגע באַציאונגען אין אַלע געביטן פון לעבן?*)

---

*) עס איז אינטערעסאַנט דערביי צו באַמערקן, אַז מאַרקס און ענגעלס האָבן לכתחילה געהאַלטן אינאיינעם מיט פּרודאָנ׳ען, אַז דער סאָציאַליזם האָט גאָר ניט צו טאָן מיט „פּאָליטיק“; אַז זיין אויפגאַבע איז דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער איבערבוי פון דער געזעלשאַפט דורך דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער זעלבסט-טעטיגקייט פון די אַרבעטער, דער עיקר דורך דעם אויסבוי פון פרייע קאָאָפּעראַטיוון. שפּעטער, אין די זיבעציגער יאָרן, האָט ענגעלס שאַרף קריטיקירט די פּרודאָניסטן פאַר זייער גלויבן אין קאָאָפּעראַטיווע אַסאָציאַציעס; און קאַוטסקי האָט אין די ניינציגער יאָרן, ווען די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג האָט שוין געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אין ענגלאַנד און בעלגיע, און האָט גענומען אַריינ-דרינגען אויך אין דייטשלאַנד, געוואָרנט מען זאָל זיך ניט צופיל באַ-גייסטערן פאַר אָט דעם וועג, ווייל די קאָאָפּעראַטיוון גייען להיפּך צו די

„איך וויל,“ זאָגט פּרודאָן, „די פרידליכע רעוואָלוציע. איך וויל, איר זאָלט מאַכן, אַז די זעלביגע אינסטיטוציעס וועלכע איך הייס אייך פאַרניכטן, און די זעלביגע געזעץ־פּרינציפּן, וועלכע איר וועט דאַרפן פאַרפולקאָמענען, זאָלן אַליין דינען דער פאַרווירקלי־כונג פון מיינע פאָרשלאָגן, בכדי אַז די נייע געזעלשאַפט זאָל אויפ־קומען ווי די נאַטירליכע און נויטיגע אַנטוויקלונג פון דער אַלטער געזעלשאַפט, און בכדי אַז די רעוואָלוציע, בעת זי שאַפט־אָפּ די אַלטע אָרדענונג, זאָל אַליין זיין די פאַרפולקאָמענונג פון יע־נער אָרדענונג. — ווען דאָס פאָלק, וואָס איז אויפגעקלערט געוואָרן בנוגע זיינע אמת׳ע אינטערעסן, באַשליסט ניט צו רעפאָרמירן די רעגירונג, נאָר צו רעוואָלוציאָנירן די געזעלשאַפט, וועט די אויפ־לייזונג פון דער רעגירונג אין דעם עקאָנאָמישן אָרגאַניזם קומען אויף אַזאַ אופן, וואָס איצטער קאָן מען ווענן דעם ניט מער ווי פּרובירן טרעפן.“

---

אינטערעסן פון די קליינע קרעמער, וועלכע שטעלן־צו אַ היפּשע צאָל שטימען פאַר דער (סאָצ. דעמאָק.) פּאַרטיי . . .

דאָ אין אַמעריקאַ האָט דעבס אָנגעהויבן זיין סאָציאַליסטישע טע־טיגקייט מיט אַ פּלאַן אויפצובויען אַ קאָאָפּעראַטיווע סאָציאַליסטישע קאָ־לאָניע פאַר פינף־און־צוואַנציג טויזנט משפּחות; די היגע מאַרקסיסטן אָבער האָבן דערצו ניט דערלאָזן. און איצט געפינען מיר אין דער פּרינ־ציפּן־דערקלערונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (אָנגענומען אויף דער לעצטער קאָנווענציע אין דעטראָיט) אַ פאָרשלאַג — „איינצופירן אַ סיסטעם פון קאָאָפּעראַטיווע ווערהייזער, מערק און קרעדיט, וואָס זאָלן זיין דאָס אייגנטום און זאָלן פאַרוואַלטעט ווערן פון פאָלק. אַרבעטער פון שטאָט און דאָרף דאַרפן זיין גוט אָרגאַניזירט עקאָנאָמיש אַזוי גוט ווי פּאָליטיש. דער קאַמף פון די אַרבעטער־יוניאָנס, פון די פאַרמער אָרגאַ־ניזאַציעס און די קאָנסטרוקטיווע טעטיגקייט פון די אַרבעטער קאָאָפּע־ראַטיוון זיינען נויטיג ניט נאָר פאַר דער באַלדיגער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די פּראָדוצירענדיגע קלאַסן, נאָר אויך כדי זיי זאָלן קאָנען ווערן די באַלעבאַטים אויף דער אינדוסטריע אין דער צוקונפט.“

# דער מוטואליזם.*)

איינינגע גרופּעס פרייהייטליכע סאָציאַלע רעפאָרמאַטאָרס דאָ אין לאַנד פירן אָן אַ שטילע באַוועגונג פאַר פּאָליטישער און עקאָנאָמישער פרייהייט, געבויט אויף די לערען פון פּרודאָן און דעם אַמעריקאַנער וויליאַם ב. גרין, וועלכער האָט אין יאָר 1849 פאַרעפענטליכט אַ בוך אונטער דעם נאָמען "Mutual Banking".

גרין שרייבט אין דעם דאָזיגן בוך: „מוטואַליזם ווירקט לויט זיין עצם צו מאַכן איבערפליסיג די פּאָליטישע רעגירונג, וואָס איז געבויט אויף דעספּאָטישן צוואַנג; ד. ה. ער ווירקט צו דעצענטראַליזירן די פּאָליטישע מאַכט און צו איבעראַנדערשן דעם שטאַט דורך דעם איינפיר פון זעלבסט-רעגירונג אָנשטאָט רעגירונג פון אַנדערע.“

אין אַן אַנדער ווערק פון 1875 שרייבט ער: „אונטער דעם מוטואַליסטישן סיסטעם וועט יעדער איינער באַקומען דעם גערעכטן און גענויען שכר פאַר זיין אַרבעט; דינסט-לייסטונגען וואָס האָבן אַ גלייכן באַטרעף אין קאָסטן ווערן אויסגעביטן פאַר אַנדערע דינסט-לייסטונגען פון דעמזעלביגן באַטרעף אָן פּראָפיט אָדער דיסקאָנט. דער פּרינציפּ פון געגנזייטיגקייט אין דער געזעלשאַפטליכער עקאָנאָמיע איז דאָס אייגענע ווי דער פּרינציפּ פון פעדעראַציע אין דער פּאָליטיק.“

די היינטיגע מוטואַליסטן, וועלכע זיינען אייגענטליך פּרודאָנישע אַנאַרכיסטן אונטער אַן אַנדער נאָמען, האַלטן זיך פעסט אָן דער ספּענסערישער פאָרמולע פון גלייכער פרייהייט. זיי באַהויפּטן,

*) זע דאָס ווערק "What is Mutualism" פאַרפאַסט פון קלאַרענס ל. סוואַרטץ, מיט דער מיטאַרבעט פון דער גרופּע Mutualist Associates — וואַנגאַרד פּרעס, 1927.

„אַז דער מוטואַליזם קאָן אָנגעווענדט ווערן אויף יעדער מענשליכער באַציאונג. אַז אַרום און אַרום אין לעבן, פון געבורט ביז אין טויט, לאָזט זיך פילן די געגנזייטיגקייט, די פריווויליגע פאַראייניגונג, אומעטום, און קאָן צו יעדער צייט באַנוצט ווערן צו לייזן יעדן פּראָבלעם פון געזעלשאַפטליכן פאַרקער און צו באַשליסן יעדע פראַגע וואָס קומט אַרויף אין האַנדל און אינדוסטריע. כדי צו לעבן מוטואַליסטיש, איז נויטיג אָפּצוהיטן בלויז צוויי באַדינגונגען: ניט צו צווינגען דעם יחיד וואָס גרייפט קיינעם ניט אָן, און מען זאָל ניט אַוועקנעמען קיין טייל פונ׳ם פּראָדוקט פון איינעמ׳ס אַרבעט אָן זיין צושטימונג. פון אָט די נעגאַטיווע כללים, וואָס באַשטעטיגן די סואווערעניטעט (די אומאָפּהענגיגקייט) פון דעם יחיד, פאָלגט נאַטירליך דער פּאָזיטיווער און קאָנסטרוקטיווער שלום — די געגנזייטיגקייט; און דאָס שליסט-איין די אינדיווידועלע איניציאַטיווע, דעם פרייען אָפּמאַך און די פרייוויליגע פאַראייניגונג."

די מוטואַליסטן רעכענען אויס פיר גרויסע מאָנאָפּאָלן, וועלכע נעמען אַוועק אַ טייל פון דעם אַרבעטער׳ס פּראָדוקט. „דער ערשטער און דער גרעסטער איז דער געלט-מאָנאָפּאָל, וועלכן די רעגירונג האָט איינגעפירט און האַלט-אויף דורך אַ צינז פון צען פּראָצענט אויף געלט וואָס ווערט אַרויסגעגעבן ניט לויט אירע געזעצן: דורכדעם האָט זי אַ פולשטענדיגן קאָנטראָל איבער דער סומע געלט אין צירקולאַציע, און באַשרענקט זיין באַזיס אויף איין אַרטיקל בלויז — גאָלד. אָט דער צינז און אָט די באַשרענקונג מאַכט עס מעגליך פאַר די וואָס קאָנטראָלירן דעם געלט-מאַרק צו באַשטימען דירעקט די ראַטע פון פּראָצענט און אומדירעקט די פרייזן פון געברויך-אַרטיקלען און דעם רענט פון הייזער. ווען מען שאַפט-אָפּ אָט דעם מאָנאָפּאָל, ווערט אַ פרייער וועג איינצופירן די געגנזייטיגע באַנקען," ווי באַשריבן פון פּרודאָן און גרין.

„דער צווייטער גרויסער מאָנאָפּאָל איז דער פון לאַנד-באָדן, וואָס דערלויבט איניגע צו האַלטן גרויסע שטרעקעס לאַנד פאַר ספּעקולאַציע, און באַרויבט די אַרבעטער פון דער מעגליכקייט זיך צו באַנוצן מיט דער ערד. דאָס, צוזאַמען מיט דעם געלט-מאָנאָפּאָל, צווינגט די אַרבעטער צו פאַרקויפן זייער אַרבעטס-קראַפט פאַר אַ

טייל פון איר ווערט. דער מוטואַליזם אַטאַקירט אַט דעם מאָנאָפּאָל, האַלטענדיג, אַז דאָס איינציגע רעכט אויף לאַנד-באַדן קאָן האָבן נאָר דער, וואָס זיצט אויפ׳ן לאַנד און באַארבעט עס, און בכן דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן אַלע געזעצן, וואָס באַשיצן יעדע אַנדערע פאָרם פון באַזיץ.

„די דריטע אומגערעכטיגקייט איז דער טאַריף-מאָנאָפּאָל, וואָס האַלט-אויף צו-הויכע פרייזן אויף געברויך-אַרטיקלען דורך אַן אָפּצאָל אויף אימפּאָרטירטע זאַכן, און גיט אַ מעגליכקייט די היימישע פאַבריקאַנטן צו רייסן אַ פאַס פון די קונים. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז ווען מען זאָל אָפּשאַפן דעם טאַריף איידער די פריערדיגע צוויי מאָנאָפּאָלן זיינען אָפּגעשאַפט, וואָלטן די אַרבעטער געליטן אין זייער לוין דורך דער קאָנקורענץ פון דער אויסלענדישער ביליגערער אַרבעט.

„דער פּאַטענט- און „קאָפּירייט״-מאָנאָפּאָל איז דער פּערטער אויף דער ליסט, וועלכער דערלאָזט די דערפינדער און מחברים אַרויפצולייגן אַ צינז אויפ׳ן פאָלק, אין אַ סך אַ גרעסערן ערך איידער דער ווערט פון זייערווירקליכער אַרבעט. דערצו ווערט געטאָן אַן אומרעכט צו יעדן אַנדערן, וואָס וואָלט אַליין געקאָנט אויסטראַכטן אַזאַ דערפינדונג, דורך דער פּראָטעקציע, וואָס מען גיט דעם וואָס האָט גע׳פּועל׳ט דער ערשטער אַרויסצוקריגן אַ פּאַטענט. אידעען, דערפינדונגען קומען ניט סתם אַזוי; זיי זיינען בלויז קלענערע אָדער גרעסערע איינפאַלן פון אַן אומענדליכער קייט פון סטימולן אָדער געדאַנקען, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון פריערדיגע דורות. דער דערפינדער קאָן אין אמת׳ן האַלטן נאָר גאָר אַ קליין טיילכל פון זיין אידעע פאַר ווירקליך זיין אייגענעם. עס איז אַ העזה אַרויפצולייגן אַ טאַקסע אויף דער גאַנצער מענשהייט פאַר אַזאַ קליינעם בייטראַג אין דער וועלט פון אידעען, וויפיל אַ יחיד אַליין קאָן מאַכן.״

דער מוטואַליזם ווי אַ פרייהייט-טעאָריע פאַרוואַרפט געזעץ און אויטאָריטעט און די הערשאַפט פון דער מאַיאָריטעט. „רעגירונג שליסט איין מאַכט, צוואַנג; עס שליסט איין די אויסאיבונג פון אויטאָריטעט דורך אַ פּערזאָן אָדער אינסטיטוציע וואָס האָט די מאַכט,

איבער אַן אַנדער פּערזאָן, סיי ער אָנערקענט די אויטאָריטעט, סיי ניט. די אָפּשטימונג פון אַ מאַיאָריטעט איז פּונקט אַזוי די אויס-איבונג פון פיזישער מאַכט ווי די מאַשין-ביקסן אין די הענט פון אַן אַרמיי. שוין דאָס סטראַשען אַליין צו געברויכן גוואַלט איז פּונקט אַזאַ פיזישע מאַכט ווי דאָס פּאַקטישע שיסן פון האַרמאַטן און פאַרשפּרייטן גיפטיגע גאַזן.״

דאָס פּראָגראַם פון מוטואַליזם ווי צו פאַרווירקליכן זיין אי-דעאַל איז אין עצם דערזעלביגער ווי פּרודאָנ׳ס. „אויפ׳ן געזעלשאַפט-ליכן געביט דאַרף מען בויען און שטיצן אַזוינע פרייוויליגע אַסאָ-ציאַציעס, וועלכע זאָלן קאָנען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם היינ-טיגן צוואַנג-סיסטעם; און אויף דעם עקאָנאָמישן געביט דאַרף מען בויען און שטיצן אַזוינע פרייוויליגע אָרגאַניזאַציעס, וואָס אַנט-וויקלען די אינדיווידועלע איניציאַטיווע און פאַראַנטוואָרטליכקייט, און באַפרייען דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון דעם שווערן דרוק פון אויטאָריטעט און פּריווילעגיעס. געוויס קאָן מען ניט דורכפירן דעם גאַנצן פּראָגראַם כל זמן עס עקזיסטירן אַ סך געזעצן וואָס שטייען אין וועג. די וואָס גלויבן אין פּאָליטישער אַקציע, וואָלטן אַגיטירן פאַר דער אָפּשאַפונג פון אַזוינע געזעצן דורכ׳ן קאָנגרעס; מיר האָבן אָבער אַ געוויסע טראַדיציע, אַז דאָס איז ניט דער ריכטיגער וועג. זעלטן-וועך עס האָט געטראָפן, אַז אַ געזעץ זאָל אָפּגעשאַפט ווערן אינגאַנצן, ניט אויפשטעלנדיג אַן אַנדערן אויף זיין אָרט. מען וועט מוזן געפינען מיטלען ווי אַזוי אַרומצוגיין די געזעצן וואָס שטייען אין וועג, און מאַכן זיי צו-נישט אויף דער פּראַקטיק.

„אויפבויענדיג וואָס מער פרייוויליגע אַסאָציאַציעס, וועט דער עולם איינזען דורך פּראַקטישעביישפּילן, אַז די פאַרשיידענע דינסט-לייסטונגען און פונקציעס וואָס די רעגירונגען פירן דורך, קאָנען געשאַפן און דורכגעפירט ווערן אַ סך בעסער און ביליגער דורך פרייע פאַראייניגונגען. אַזוי וועלן מיט יעדן ווייטערדיגן טריט ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט ווערן די פעסטונגען פון פּריווילעגיעס און מאַכט, ביז דער אידעאַל וועט מקוים ווערן אינגאַנצן.״

# די קראָפּאָטקינשע שולע.

פאַר די מערסטע געגאָסן פון אָט דער שולע באַשטייט דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל פון אַ דריי-איינגקייט: אַ נ אַ ר כ י ז ם, קאָ מ ו נ י ז ם און ר ע וו אָ ל ו צ י ע. אָט די דריי אידעען זיינען געוואָרן אַזוי ענג פאַרבונדן, אַז זיי קאָנען ניט, לויט דער מיינונג פון די אָנהענגער פון דער שולע אָפּגעטיילט ווערן איינע פון די אַנדערע. דער אַנאַרכיזם, לויט קראָפּאָטקין, פירט צום קאָ-מוניזם און דער קאָמוניזם פירט צו אַנאַרכיע, און ביידע קאָנען ערשט מקוים ווערן דורך אַ שטורמדיגער רעוואָלוציע, וואָס זאָל אָפּשאַפן דעם שטאַט מיט אַלע זיינע אינסטיטוציעס, עקספּראָפּ-ריאירן אַלע קאַפּיטאַלן און מיטלען פון פּראָדוקציע און קאָנסומפּ-ציע, און איינפירן געמיינשאַפליכן אייגענטום, וואָס זאָל פאַרזיכערן וואוילשטאַנד פאַר אַלעמען.

אין דער צייט, בעת דער אידעאַל פון אַנאַרכיזם האָט געהאַלטן אין אויסקריסטאַליזירן זיך, האָבן מערערע אַנאַרכיסטיש-דענקענ-דיגע געגאָסן פאַרוואָרפן דעם קאָמוניזם, וועלכער איז יעמאָלט, אין די פערציגער יאָרן, געווען דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון אויטאָריטעט און צענטראַליזאַציע. פּרודאָן האָט אים באַקעמפט אויף דעם שאַרפסטן אופן, און האָט פיל בייגעטראָגן דערצו, אַז די פראַנצויזישע געגאָסן זאָלן זיך פון אים אָפּזאָגן. די מערסטע פראַנצויזן וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער גרינדונג פון דעם „אינטערנאַציאָנאַל" זיינען געווען מוטואַליסטן און האָבן קיין שייכות ניט געהאַט צום קאָמוניזם. אפילו באַקונין האָט זיך גע-רופן „קאָלעקטיוויסט" און האָט געשריבן, אַז, „אין נאָמען פון פרייהייט וועלן מיר אימער פּראָטעסטירן געגן יעדער אָרדענונג, וואָס קוקט נאָר אויס וויפיל עס איז ענליך צום קאָמוניזם אָדער שטאַט-סאָציאַליזם."

די גענגנער פון אנארכיזם האָבן גע'טענה'ט, אז קאָמוניזם און אנארכיע זיינען צוויי געגנגעזעצטע באגריפן ווי „וואסער און פייער." פאר זיי איז געווען קלאָר, אז דער אויטאָריטערער קאָמוניזם, וואָס איז ביי זיי געווען פארבונדן מיט פּאָליטישער מאכט און רעגירונג, מיט א ר כ י, איז דירעקט אנטאגאָניסטיש צו א נ - א ר כ י, די נעגירונג פון יעדער שטאַטליכער אָרדענונג. בעת א טייל אנאר-כיסטן גופא זיינען געווען געגן דעם קאָמוניזם אין נאָמען פון דער אינדיווידועלער פרייהייט, „אין נאָמען פון דעם אינדיווידום," ווי פּרודאָן האָט ארגומענטירט, „וועלכער וויל פארזיכערן זיין פרייהייט, אויפהאלטן די פולע אומאָפּהענגיגקייט פון זיין איך, זיין ארבעט, זיין איניציאַטיווע, זיין בילדונג, זיין לוקסוס, וואָס ער קאָן זיך פארשאפן קיינעם ניט עקספּלואַטירענדיג."

עס איז געווען קראָפּאָטקין, וועלכער האָט אויסגעארבעט די פאראייניגונג פון פרייהייט און קאָמוניזם, פון א פרייוויליגן קאָ-מוניסטישן צוזאמענלעבן — פון אן א נ א ר כ י ס ט י ש ן ק אָ-מ ו נ י ז ם. דאָס צוזאמענלעבן גופא אין ברידערליכקייט, ניט פירנדיג קיין בוכהאלטעריע פון דעביט און קרעדיט, איז אין זיין געדאנק גאָר קיין סתירה ניט צו פרייהייט. דער פּונקט פון אינ-דיווידועלער פרייהייט האָט פאר אים איינגעשלאָסן די פיל ברייי-טערע פראגע, „צי דאָס געזעלשאפטליכע לעבן בכלל איז א מיטל פאר דער באפרייאונג פון דעם אינדיווידום, אָדער פארקערט, אן אורזאך פון זיין פארשקלאפונג? צי עס פירט צו א פארגרעסערונג פון דער אינדיווידועלער פרייהייט, אָדער עס באשרענקט און פארקלענערט איר?" — און זיינע אונטערזוכונגען פון אָט דער ברייטערער פראגע האָבן אים באוויזן, אז דאָס געזעלשאפטליכע לעבן מוז כלל ניט פירן צו א באשרענקונג פון פערזענליכער פריי-הייט; אז גענגזייטיגקייט און גלייכע געלעגנהייטן גיבן דער פער-זענליכקייט די בעסטע מעגליכקייט זיך פריי אויסצולעבן.

ער זעט איין, אז מיט דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט ווערן ביסלעכווייז איינגעפירט קאָמוניסטישע האנדלונגען אין א סך צווייגן פון געזעלשאפטליכער טעטיגקייט; אז די מיטערפאָלגן פון די ביזאהעריגע קאָמוניסטישע פּראָבעס זיינען געקומען דערפון,

וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט; וואָס זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען פון אַן אויטאָריטערן גייסט; וואָס זיי האָבן זיך ניט פעדערירט איינע מיט די אַנדערע, און וואָס זיי האָבן געפאָדערט פון זייערע מיטגלידער, צוליב די דאַמאָלסטדיגע אומשטענדן, אַזוי פיל אַרבעט, אַז עס איז זיי ניט געבליבן קיין צייט פאַר פאַרווייל ונגען. „עס איז ניט,“ באַהויפּטעט ער, „די קאָמוניסטישע פאָרם פון דער פאַראייניגונג וואָס פאַראורזאַכט די קנעכטשאַפט, נאָר עס איז דער גראַד אַנטוויקלונג פון די אידעען פון פרייהייט וואָס באַשטימט דעם מער אָדער ווייניגער פרייהייטליכן כאַראַקטער פון דער דאָזיגער גרופּירונג.“

געוויס, אַלס אַנאַרכיסט האָט ער געמוזט איינזען, אַז אונטער פרייהייט זיינען מעגליך אויך אַנדערע פאָרמען פון פרייווויליגע עקאָנאָמישע באַציאונגען צווישן מענשן; זיין טיפער גלויבן אָבער אין די סאָלידאַריטעט-געפילן פון מענשן, און אין דער העכסטער גערעכטיגקייט פון דעם קאָמוניזם, האָט אים געפירט צום געדאַנק, אַז פרייהייט קאָן ניט זיין פולקאָם אָן דער דאָזיגער העכסטער גערעכטיגקייט. און אָט דער געדאַנק, אַז קאָמוניזם איז די אידעעלסטע פאָרם פון אַ פרייען מענשליכן צוזאַמענלעבן, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון זיינע טיפסטע אַלטרואיסטישע געפילן, האָט אים געפירט צו באַטראַכטן דעם קאָמוניזם אַלס דעם הויפּט-פּרינציפּ פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, אויב ער איז נאָר געבויט אויף פרייהייט — אויף אַנאַרכיזם.

די מאָראַלע באַרעכטיגונג פון דעם קאָמוניזם האָט קראָפּאָטקין געפונען אין דעם פאַקט, וואָס אַלע אונזערע רייכטימער זיינען געזעלשאַפטליכע שאַפונגען, ניט קיין אינדיווידועלע. ער שרייבט: „מיליאָנען מענשן האָבן געאַרבעט צו שאַפן די היינטיגע ציוויליזאַציע, און אַנדערע מיליאָנען איבער דער גאַנצער וועלט אַרבעטן זי אויפצוהאַלטן. עס איז ניטאָ קיין איינציגער געדאַנק אָדער אַן איינציגע דערפינדונג וואָס איז ניט קיין געמיינשאַפטליך אייגנטום, געשאַפן געוואָרן אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער איצטיגער צייט. טויזנטער דערפינדער, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, האָבן מיטגעאַרבעט אין דער דערפינדונג פון יעדער מאַשין, אין

וועלכער עס איז פּאַרקערפּערט דעם מענשנ׳ס זשעני. טויזנטער שרייבער, פּאָעטן און געלערנטע האָבן געאַרבעט צו פּאַרגרעסערן אונזער וויסן, אָפּצושאַפן טעות׳ן, און צו באַשאַפן די אַטמאָספערע פון וויסנשאַפטליכן גדאַנק, וואָס אָן אים וואָלטן קיינמאָל זיך ניט באַוויזן די וואונדער פון אונזער יאָרהונדערט. און אַט די טויזנטער פילאָסאָפן, פּאָעטן, געלערנטע און דערפינדער זיינען אליין געשטיצט געוואָרן דורך די אַרבעטן פון די פריערדיגע יאָרהונ־דערטער; זיי זיינען געשטיצט און געשפּייזט געוואָרן אי פיזיש, אי גייסטיג דורך לעגיאָנען אַרבעטער און האַנטווערקער פון אַלער־ליי סאָרטן.“

„וויסנשאַפט און אינדוסטריע, דאָס וויסן און זיין אָנווענדונג, די אַנטדעקונג און איר פּראַקטישע פאַרווירקליכונג וואָס פירט צו נייע אַנטדעקונגען; די פעאיגקייטן פון קאָפּ און פון די הענט, די אָנשטרענגונגען פונ׳ם גייסט און פון די מוסקולן — אַלץ אַרבעט צוזאַמען. יעדע אַנטדעקונג, יעדער פאָרטשריט, יעדע פאַרבעסערונג אין דער סומע פון מענשליכער רייכקייט, פאַרדאַנקט איר עק־זיסטענץ די פיזישע און גייסטיגע באַמיאונגען פון אַמאָל און היינט. איז, מיט וואָס פאַר אַ רעכט קאָן ווער עס איז אָוועקנעמען פאַר זיך דאָס קלענסטע פּיצל פון דעם אַלעם, און זאָגן דאָס איז מיינס, ניט דיינס?“

אַלץ געהערט צו אַלעמען, און דעריבער באַנוגענט זיך ניט קראָפּאָטקין מיט דער פאָדערונג „דאָס רעכט אויף אַרבעט“, אָדער מיט דער פאָדערונג אויף „דעם גאַנצן פּראָדוקט פון יעדנ׳ס אַר־בעט“, נאָר ער פּראָקלאַמירט אָנשטאָט דעם „דאָס רעכט אויף וואוילשטאַנד — וואוילשטאַנד פאַר אַלעמען!“ געוויס מיינט דאָס ניט, אַז יעדערער האָט אַ רעכט פריי צו געניסן פון אַלע וואוילטאָגן, ניט בייטראָגנדיג זיין חלק אַרבעט אין שאַפן די אַלע גוטע זאַכן. ער זאָגט בפירוש: „אויב דער מאַן אָדער די פרוי טראָגן־ביי זייער יושר׳דיגן חלק אַרבעט, האָבן זיי אַ רעכט אויף אַ יושר׳דיגן חלק פון אַלץ וואָס אַלע האָבן געשאַפן.“ ער פאַרלאָזט זיך אויף דעם געפיל פון גערעכטיגקייט פון די מיטגלידער פון אַ גרופּע אַרבעטער

צו אַנטשיידן וויפיל עס איז אַ יושר׳דיגער חלק אַרבעט; און מען קאָן צוגעבן, אַז אַ לענגערע קאָמוניסטישע פּראַקטיק וואָלט פאַר־ענטפערן די דאָזיגע פראַגע מער אָדער ווייניגער צופרידנשטעליג. מען קאָן זיך אָבער פאַרשטעלן, אַז עס וועט דאָך ניט זיין אַלע מאָל מעגליך אויסצומיידן אונטער אַזאַ סיסטעם אַ געוויסע אומצופרידנ־שטעלונג; און ניט אַזוי מצד די ניט־פאַרגינער, די עגאָאיסטן, וועלכע מיינען תמיד, אַז דער אַנדערער דערפילט ניט אײנגאַנצן זיין חוב צו דער גרופּע, נאָר דוקא מצד די זעהר ערליכע נאַטורן, די אַל־טרואיסטן, וועלכע האָבן שטענדיג מורא טאָמער טוען זיי ניט גענוג פאַר דער גרופּע, טאָמער נעמען זיי פון איר מער וויפיל זיי קומט. אָט דעם פּונקט האָט אַרויסגעבראַכט אַ צייט צוריק דער גוטער אַנאַרכיסט, דר. ראָססי, דורך זיינע דערפאַרונגען אין דער אַנאַר־כיסטיש־קאָמוניסטישער קאָלאָניע, וואָס ער האָט געגרינדעט אין אַרגענטינע; און מען קאָן אָט די איינווענדונג ניט אַוועקמאַכן לייכט מיט דער האַנט.

אַזוינע פאַלן קאָן מען אפשר באַטראַכטן ווי די אויסנאַמען וואָס באַשטעטיגן דעם כלל; און עס איז מעגליך איינצושטימען מיט קראָפּאָטקינען, אַז אין אַלגעמיין גענומען איז דער קאָמוניזם די אידעאַלסטע פאָרם פון געזעלשאַפטליכן צוזאַמענלעבן. אָבער די מעלה פון אַנאַרכיזם באַשטייט דאָך אין דעם, וואָס ער צווינגט ניט אַרויף איין באַשטימטן עקאָנאָמישן סיסטעם פאַר אַלעמען גלייך; איז, אויב אייניגע פּערזאָנען וועלן, אונטער געוויסע אומ־שטענדן, זיך ניט פילן אײנגאַנצן באַקוועם אונטער דעם קאָמוניסטישן סיסטעם, וועלן זיי זיין גאַנץ פריי איינצופירן צווישן זיך אַן עקאָ־נאָמישע פאָרם, וועלכע וועט זיי מער באַפרידיגן. דער אַנאַרכיזם קאָן דעריבער, ווייניגסטענס אין טעאָריע, ניט זיין אַזוי אַבסאָלוט ניט־אָפּצוטיילן פון דעם קאָמוניזם, ווי די קראָפּאָטקינשע פאָרמולע שטעלט עס אַוועק. די פרייהייט פון יעדן איינעם איינצואָרדענען זיין לעבן ווי אים געפעלט בעסער, ניט שטערנדיג די אַנדערע אין דערזעלביגער פרייהייט; ווי אויך די פרייהייט ניט צו טאָן וואָס איינעם געפעלט ניט, זיינען אין לעצטן אַנאַליז דער יסוד פון אַנאַרכיזם, וואָס קאָן ניט פאַרלייקענט ווערן.

אין אנאַנדער אָרט און אַ לאַנגע צייט צוריק*) האָב איך פאָר-מולירט די פראַגע פון דער פארבינדונג פון קאָמוניזם מיט אַנאַר-כיזם מיט די ווערטער „עס קאָן און עס מעג, נאָר עס מוז ניט.“ אַ פרייווילינער קאָמוניזם קאָן פּראַקטיש גיין צוזאַמען מיט אַנאַרכיזם, און עס וועט ניט הייסן אַן עקספּלואַטאַציע פון דעם שטאַרקן דורך דעם שוואַכן; עס מעג גיין צוזאַמען טעאָרעטיש, און עס איז ניט קיין „פייער מיט וואַסער“, וואָרים קאָמוניזם, ווען עס איז ניטאָ קיין באַלעבאָס אויף דעם קהל׳שן אייגענטום, האָט אין זיך ניט קיין עלעמענט פון אויטאָריטעט; נאָר עס מוז ניט דוקא זיין קאָמוניזם פאַר אַלעמען, ווייל אַנאַרכיסטישע פרייהייט דערלאָזט אַלע מעגליכע עקאָנאָמישע פאָרמען, וועלכע זיינען געבויט אויף גלייכע געלעגנהייטן און פרייע אָפּמאַכן.

## שטאַט און געזעץ.

קראָפּאָטקין, אַזוי גוט ווי פּרודאָן, זוכט אָפּצושאַפן דעם שטאַט און די מאַיאָריטעט-געמאַכטע געזעצן אין דעם נאָמען פון אַנאַר-כיסטישער פרייהייט. זיי ביידע האַלטן, אַז די איינציגע רעכט-נאָרמע, וואָס איז דער יסוד פון געזעלשאַפטליכן צוזאַמענלעבן, דאַרף זיין די אָפּהיטונג פון אָפּמאַכן, וואָס ווערן פריי דורכגעפירט פון איינצעלנע אָדער גרופּעס איינע מיט די אַנ-דערע. די פאַרזיכערונג, אַז אָפּמאַכן וועלן אָפּגעהיט ווערן, זאָגט קראָפּאָטקין, האָבן מיר גאַנץ גענוג אין דער נויטיגקייט וואָס יע-דערער פילט אין מיטאַרבעטערשאַפט, הילף און סימפּאַטיע, און אין דעם שרעק אויסגעשלאָסן צו ווערן פון כלל. און ער גיט-צו, אַז אין אַ נויט וועט דאָס פאָלגן פון דער דאָזיגער נאָרמע אויך געזיכערט זיין דורך דעם אַריינמישן זיך פון דער גרופּע.

זיי ביידע פאַרוואַרפן דעם שטאַט אַלס די פאַרקערפּערונג פון מאַכט און אויטאָריטעט, אַלס דעם אויפהאַלטער און באַשיצער פון

*) די „פרייע געזעלשאַפט“, 1900, איבערגעדרוקט אין מיין בוך „די טעאָריע און פּראַקטיק פון אַנאַרכיזם“, ניו יאָרק, 1927.

עקספּלואַטאַציע, דעם מקור פון אַלע אומגערעכטיגקייטן און דעם גרעסטן שונא פון פרייהייט. קראָפּאָטקין האָט געגעבן אַ טרעפליכע און טיפע דעפיניציע פון דעם שטאַט, וואָס טיילט אים אָפּ פון דעם כאַראַקטער פון דער לאָקאַלער רעגירונג אָדער אַדמיניסטראַציע פון אַ פרייער געמיינדע. דער עצם פונ׳ם שטאַט איז אַ קאָנצענטראַציע פון אַ סך פונקציעס פונ׳ם געזעלשאַפטליכן לעבן אין איין צענטער פון אויטאָריטעט. זיין שעדליכקייט, אחוץ די גניבה און גזילה וואָס ער באַגייט, באַשטייט אין זיין פאַר־ניכטן די פרייע איניציאַטיווע פון די באַזונדערע געמיינדעס און פערזאָנען, און דער דאָזיגער איבל ליגט אין כאַראַקטער אפילו פון אַ סאָציאַליסטישן שטאַט.

„דער שטאַט, שרייבט ער, איז אויפגעוואַקסן לפי ערך גאָר ניט לאַנג צוריק. ער איז אַ היסטאָרישער בנין וואָס האָט אין אַ באַ־שטימטער צייט ביסלעכווייז פאַרנומען אינ׳ם לעבן פון אַלע פעל־קער דעם פּלאַץ פון פרייע פאַראייניגונגען. די קירך, דער געזעץ, די מיליטערישע מאַכט און דער רייכטום וואָס איז אָנגעהויפט גע־וואָרן דורך רויב, האָבן זינט הונדערטער יאָרן געמאַכט יד אחת, האָבן דורך לאַנגזאַמער אַרבעט אַרויפגעלייגט אַ שטיין אויף אַ שטיין, איין אָנגריף אויף דעם אַנדערן, ביז זיי האָבן זיך ענדליך פעסט אַריינגעזעצט אין יעדן ווינקל פון געזעלשאַפטליכן לעבן — ניין, אפילו אין די געהירן און אין די הערצער פון די מענטשן.“

דער שטאַט מוז און וועט אָפּגעשאַפט ווערן, און דאָס געזעל־שאַפטליכע צוזאַמענלעבן וועט אויפגעהאַלטן ווערן ניט דורך אַן אויסערליכער אויטאָריטעט, נאָר דורך דער קראַפט פון דעם איי־גענעם פרייען אָפּמאַך. „פרייע אויסבילדונג פון איינצעלנע אין גרופּעס און פון גרופּעס אין אַסאָציאַציעס; פרייע אָרגאַניזאַציעס פונ׳ם איינפאַכן צום פילפאַכן לויט זייערע באַדערפעניש און נויי־טונגען — דאָס וועט זיין די צוקינפטיגע געשטאַלט פון דער גע־זעלשאַפט.“

„מענטשן וועלן זיך פאַראייניגן אין קאָמונעס דורך אָפּמאַכן.

זיי וועלן נעמען אויף זיך התחיבות׳ן צו דער קאָמונע, און זי פון איר זייט וועט זיך מתחיב זיין צו טאָן געוויסע זאַכן פאַר זיי. אין דער קאָמונע וועט יעדער איינער אַליין טאָן וואָס איז נויטיג, ניט ווארטענדיג אויף דעם באַפעל פון א צענטראַליזירטער ביוראָ. די קאָמונעס פון זייער זייט וועלן זיך פאַראייניגען מיט אַנדערע אויפ׳ן זעלביגן אופן ווי די מיטגלידער צווישן זיך אין יעדער איינצעלנער קאָמונע. אזוי ווי אונזערע באַדערפעניש‍ן זיינען פאַרשיידנאַרטיג, וועט זיך באַלד אַרויסווייזן, אז איין פאַרבאַנד איז ניט גענוג, און די קאָמונע וועט פילן א נויטיגקייט אַריינצוטרעטן אין פאַרבינ־דונגען מיט מערערע פאַרבאַנדן. פאַר׳ן צוועק צו שאַפן לעבנס־מיטלען איז זי א מיטגליד פון איין גרופּע; כדי צו קריגן אַנדערע זאַכן וואָס זי האָט נויטיג, צום ביישפּיל, מעטאַלן, וועט זי זיך אַנ־שליסן אָן אַן אַנדער גרופּע, דאַן מיט א דריטער און פערטער גרופּע, וועלכע וועלן איר ליפערן שטאָפן און קונסטווערק א. אז. וו. ווען מען טוט א קוק אויף אַן עקאָנאָמישן אַטלאַס פון א וועלכן עס איז לאַנד, זעט מען, אז עס זיינען ניטאָ קיין עקאָנאָמישע גרעניצן: די געגנטן פון פּראָדוקציע און אויסטויש פון די פאַרשיידענע אַר־טיקלען זיינען דורכגעמישט, פאַרצווייגט, ליגן איינע אויף די אַנ־דערע. אזוי וועלן אויך די פאַרבינדונגען פון די קאָמונעס, ווען זיי וועלן פאָלגן זייער נאַטירליכע אַנטוויקלונג, באַלד זיך דורכצווייגן אויפ׳ן זעלביגן אופן און אויסבילדן א פיל געדיכטערע נעץ און א גאַנץ אַנדער סאָרט איינהייט איידער איצטער אונטער די קאַפּי־טאַליסטישע שטאַטן.״

ביי אזוינע גרופּעס־פאַראייניגונגען דורך פרייע אָפּמאַכן, ווערן במילא איבעריג אַלערליי פאַרשריבענע געזעצן, וואָס באַשטייען אין גרעסטן טייל פון פּריוואַטע געלט־אינטערעסן און פון די התחיבות׳ן פון די בירגער צום שטאַט. „די געזעצן, שרייבט קראָפּאָטקין, האָבן זיך לכתחילה באַוויזן אַלס א זאַמלונג פון די מנהגים־רעכט, וועלכע האָבן געדינט דעם קיום פון דער געזעלשאַפט. איצט אָבער זיינען זיי נישט מער ווי א ווערקצייג אויפצוהאַלטן די עקספּלואַטאַציע און די באַהערשונג פון די אַרבייטנדיגע מאַסן דורך די רייכע פוילענצער, און העלפן נאָר פאַרפעסטיגן די אָרדענונג וואָס איז

ניצליך פאַר דער הערשנדיגער מינאָריטעט. די פאַרשריבענע געזעצן האָבן היינט שוין ניט מער קיין קולטורעלע אויפגאַבע."

## אייגענטום.

דאָס פּריוואַט-אייגענטום, לויט קראָפּאָטקין, איז פאַראורטיילט אונטערצוגיין. „עס האָט זיך אַנטוויקלט ווי אַ פּאַראַזיט אינמיטן פון די פרייע אינסטיטוציעס פון אונזערע אורעלטערן, אין ענגסטער פאַרבינדונג מיט'ן שטאַט. דער פּאָליטישער געבוי פון געזעלשאַפט איז אַלעמאָל דער אויסדרוק און אין דערזעלביגער צייט אויך די פאַרהייליגונג פון איר עקאָנאָמישן געבוי." אַנשטאָט פּריוואַט-אייגענטום וועט זיין געזעלשאַפטס-אייגענטום.

די געזעלשאַפט, האַלט קראָפּאָטקין, וועט זיך באַמעכטיגן אי-בער'ן גאַנצן געזעלשאַפט-קאַפּיטאַל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין איר מיטן, און דאָס מיינט די פאַרצערונגס-מיטלען אַזוי גוט ווי די מיטלען פון פּראָדוקציע. „מען האָט פּרובירט, זאָגט ער, מאַכן חילוקים צווישן דעם קאַפּיטאַל וואָס דינט דער פּראָדוקציע און דעם קאַפּיטאַל וואָס דינט צו באַפרידיגן די נויטבאַדערפעניש פון לעבן, און מען האָט געזאָגט, אַז די מאַשינען, די פאַבריקן, די רויע מאַ-טעריאַלן, די טראַנספּאָרט-מיטלען און דער גרונד און באָדן וועלן ווערן דאָס אייגענטום פון כלל; דאַגעגן אָבער די וואוינונגען, די פאַרטיגע פּראָדוקטן, די קליידער און שפּייז-אַרטיקלען וועלן בלייבן פּריוואַט אייגענטום. אָט דער חילוק איז אַ טעות און ניט פּראַק-טיש. דאָס הויז וואָס באַשיצט אונז, די נערונג וואָס אונזער קער-פּער פאַרצערט, די קליידער וואָס באַדעקן אונזער ליב, און דאָס בוך, פון וועלכן מיר לערנען זיך, אפילו דאָס פאַרגעניגן וואָס מיר געניסן — די אַלע זאַכן זיינען בעצם וויכטיג פאַר אונזער עק-זיסטענץ און זיינען פּונקט אַזוי נויטיג פאַר אַ דערפאָלגרייכער פּראָ-דוקציע און פאַר דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט, ווי מאַשינען, פאַבריקן רוי-מאַטעריאַלן און אַנדערע פאַקטאָרן פון פּראָדוקציע."

אין אַבסטראַקט גענומען הייסט עס, אַז קראָפּאָטקין, פאַר-

קערט ווי פּרודאָן, האַלט פון אייגענטום; נעמליך פון געזעל-שאַפטס-אייגענטום. פּראַקטיש אָבער, איז אייגענטום וואָס געהערט צו אַלעמען אַן אייגענטום וואָס געהערט צו קיינעם ניט באַזונדער, און איז אין עצם אַן אָפּלייקענונג פון אייגענטום. און דאָך איז אָבער דאָ אַ היפּשער חילוק צווישן די ביידע שולעס אין זייער אויפפאַסונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. לויט קראָ-פּאָטקינ׳ס שיטה איז די געזעלשאַפט אָדער די קאָמונע פּאַקטיש די באַלעבאָסטע פון אַלע לעבנסמיטלען, און האָט דעם כח צו זאָגן צו יעדערן פון אירע מיטגלידער: „מיר וועלן דיר גאַראַנטירן דעם גענוס פון אונזערע הייזער, שפּייכלערס, גאַסן, טראַנספּאָרט, וועגן, שולן, מוזעען און אַזוי ווייטער, מיט דעם באַדינג, אַז דו זאָלסט אָפּגעבן אַ געוויסע צאָל שטונדן אַ טאָג, פון דיין צוואַנציגסטן ביז דעם פינף-און-פערציגסטן יאָר פון דיין לעבן, פאַר אַ וועלכער עס איז אַרבעט וואָס איז נויטווענדיג צום לעבן.“ ווי אַן אַנאַרכיסטישע מאַמע, ניט ווי די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע מומע, וועלכע זאָגט פאַ-נאַנדער יעדן מיטגליד וואָס ער זאָל טאָן, זאָגט זי צו אים: „דו קאָנסט צו יעדער צייט זיך אויסקלייבן די גרופּעס, אָן וועלכע דו ווילסט זיך אָנשליסן, אָדער דו קאָנסט זיך גרינדן אַ נייע גרופּע, בתנאי אויב זי איז זיך מתחיב צו שאַפן נויטיגע זאַכן. מיר פאַר-לאַנגען פון דיר נישט מער ווי אַ געוויסע סומע אַרבעט-שטונדן יערליך אין איינע פון די גרופּעס וועלכע פּראָדוצירן שפּייז-זאַכן, קליידער אָדער וואוינונגען, אָדער וועלכע באַזאָרגן געזונטהייטס-אַרבעט, טראַנספּאָרט און דערגלייכן, און דערפאַר באַזאָרגן מיר דיר מיט אַלץ וואָס די גרופּעס שאַפן אָדער האָבן געשאַפן.“

לויט דער פּרודאָנישער שיטה איז אַזאַ אויפפאַסונג ניט קאָנ-סעקווענט אַנאַרכיסטיש. אויב די געזעלשאַפט באַזיצט דאָס גאַנצע אייגענטום און אַלע לעבנסמיטלען, האָב איך קיין ברירה ניט און מוז צושטימען צו אירע תנאים פון דעם אָפּמאַך, אין וועלכן זי טרעט אַריין מיט מיר. כדי אַן אָפּמאַך זאָל זיין ווירקליך פריי, מוז ער זיין קעגנזייטיג, אויב אָבער איינער פון די צדדים איז גע-צוואונגען אָנצונעמען דעם אָפּמאַך, ווייל ער קאָן זיך אַנדערש ניט העלפן, איז זיין פרייהייט באמת זעהר צווייפלהאַפטיג. פּרודאָן

ליקענט אָפּ דאָס געזעלשאַפטליכע אייגענטום און האַלט נאָר פון אייגענטום אין די פּראָדוקטן פון דער אייגענער אַרבעט, און די אָפּמאַכן, אין וועלכע יעדערער טרעט אַריין מיט אַנדערע, זיינען קעגנזייטיג גאַנץ פריי, ווייל ביידע צדדים זיינען דורכאויס גלייכע.

קראָפּאָטקינ׳ס שטאַנדפּונקט וועגן אייגענטום שיינט צו זיין מער סאָציאַליסטיש איידער אַנאַרכיסטיש. דער גרונט געדאַנק פון סאָציאַליזם איז, די געזעלשאַפט זאָל פאַרזאָרגן די איינצעלנע מיט דעם מעגליכסטן וואוילשטאַנד; די גרונט-אידעע פון אַנאַר-כיזם איז, יעדער איינצעלנער זאָל האָבן די מעגליכקייט, אַליין אָדער פאַראייניגט אין אַ גרופּע, צו באַזאָרגן זיך מיט אַלעם נויטיגן, לויט זיין אייגענעם געשמאַק און פאַרלאַנג. ווען אַלע לעבנס-מיטלען זיינען געזעלשאַפטליך אייגענטום, מוז ער אָננעמען דעם אָפּמאַך וואָס זי שלאָגט אים פאָר, אויף אירע באַדינגונגען — געוויס, ערליכע און גערעכטע באַדינגונגען, אפילו פרייהייטליכע באַדינגונגען: ער מעג טאָן וועלכע אַרבעט ער וויל, און בלויז עט-ליכע שעה אַ טאָג, ביז אַ באַשטימטן עלטער. פאַר דער גרעסטער מערהייט סאָציאַליסטיש געזאָנענע מענשן קוקט אַזאַ אָרדענונג אויס ווי דער העכסטער אידעאַל פון לעבן; אין עצם אָבער איז עס אַ געצוואונגענער אָפּמאַך, ווייל אונטער די אומשטענדן איז ניטאָ קיין אַנדער ברירה. ווען אָבער די גיטער פון דער געזעלשאַפט אָדער קאָמונע זיינען ניט איר אייגענטום, נאָר שטייען פריי פאַר אַלעמען צו באַנוצן זיך מיט זיי, אינדיווידועל אָדער קאָלעקטיוו, קאָנען פאָרקומען אַלערליי אָפּמאַכן צווישן פרייע מענשן איינע מיט די אַנדערע, און יעדערער האָט די ברירה אויסצוקלייבן זיך דעם אָפּ-מאַך וואָס געפעלט אים בעסער. מען קען אפשר באַטראַכטן אָט דעם חילוק פאַר דקדוקי עניות, האָר-שפּאַלטעריי, ווייל אין פאַר-גלייך מיט היינטיגע צרות איז דער פרייהייטליכער סאָציאַליסטישער שטאַנדפּונקט אַזויפיל גוט און דערהויבן, אַז בעסער דאַרף מען נאָרניט, און בכלל איז צו בעסער קיין שיעור ניטאָ — עס איז אָבער כדאי יעדנפאַלס איינצוזען, אַז עס איז אויך פאַראַן אַן אַנדער אַנאַרכיסטישער שטאַנדפּונקט. —

## די מיטלען צו פאַרווירקליכן דעם אידעאַל.

די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג פון דער קראָפּאָטקינשער ריכטונג האָט פון אָנהויב אָן אָנגענומען די רעוואָלוציע אַלס דעם איינציגן און באַלדיגן מיטל אויף איינצופירן די אַנאַרכיסטישע געזעלשאַפט. אין דעם גלויבן אַז די איצטיגע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף אומגערעכטיגקייט און שאַפט אַזויפיל ליידן, קאָן שוין מער זיך לאַנג ניט האַלטן, איז אַרויסגעוואַקסן די זיכערקייט, אַז די רעוואָלוציע שטייט שוין גאָר נאָענט, און אונזער אויפגאַבע דאַרף זיין אַרויסצורופן זי וואָס גיכער און דורכפירן זי וואָס גרינט-ליכער. אַלערליי רעפאָרמען און פּאַליאַטיוון, אַ חוץ אַרבעטער-סטרייקס פאַר חיי שעה פאַרבעסערונגען, זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי נוצלאָזע אָנשטרענגונגען. פולשטענדיגע צעשטערונג פון דער איצטיגער געזעלשאַפט; „טאַבולאַ ראַסאַ" מאַכן פון איר, ווי מאָסט פלעגט עס זאָגן, אַרויסרופן די סאָציאַלע רעוואָלוציע דורך „פּראָ-פּאַגאַנדע דער טאַט" און נאָכאַנאַנדיגע אויפשטאַנדן, איז געוואָרן די איינציגע טאַקטיק פאַר דעם אויפבוי פון דער נייער אַנאַרכיס-טישער געזעלשאַפט. דער מיטל האָט כמעט פאַרשטעלט דעם ציל: די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע האָט אַריבערגעוואויגן די באַ-לייכטונג פון דער אַנאַרכיסטישער לערע. עס איז געקומען דערצו, אַז אַן אָנגעזעענער אַנאַרכיסט (טשערקעסאָוו) האָט גאַנץ דרייסט אוועקגעשטעלט די פאָרמולע: „ר ע וו אָ ל וצ י ע און ק אָ-מ ו נ י ז ם איז אַ נ אַ ר כ י ז ם." ווי שטאַרק האָט זיין פאָרמולע אים געמוזט דערשרעקן, ווען ער האָט דערלעבט צו זען ווי ווייט די רעוואָלוציע און דער קאָמוניזם אין רוסלאַנד זיינען פון אַנאַרכיזם!

די רוסישע באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען זיין פאָרמולע און נאָר געמאַכט אין איר אַ „קליינע" ענדערונג. ביי זיי קומט אויס: „ר ע וו אָ ל וצ י ע און ק אָ מ ו נ י ז ם איז מ אַ ר ק-ס י ז ם", און מען מוז זאָגן, אַז מיט פיל מער רעכט איידער טשער-קעסאָוו האָט עס געקאָנט זאָגן וועגן דעם אַנאַרכיזם. די אַנאַר-

כיסטישע באוועגונג, וואס איר הויפט לאזונג איז געווען די רעוואלוציע, האט לעצטנס פארלארן איר באדן אין א גרויסן ערך צו די באלשעוויקעס. א טייל אנארכיסטן זיינען דירעקט אריבערגעגאנגען צו זיי, אן אנדער טייל סימפאטיזירט נאך אלץ מיט זייער רעוואלוציע, און מאסן ארבעטער, אנטוישטע אין זייערע האפענונגען, גייען אריבער צום פאשיזם. עס איז, פארשטייט זיך, ניט די אויפקלערונג פון דער נויט פון א רעוואלוציאנערער ענדערונג אין געזעלשאפטליכן לעבן, וואס האט אפגעשוואכט די אנארכיסטישע באוועגונג, נאר די אויסשליסליכע פארהייליגונג פון דעם פראלעטארישן אויפשטאנד אלס די איינציגע מעטאדע איינצופירן פרייהייט און גערעכטיגקייט.

„אלע רעוואלוציעס, שרייבט קראפאטקין, האבן זיך אנגעהויבן אין פאלק, און אלע האבן געהאט זייער פעריאדע פון אנטוויקלונג.“ און ווייטער: „די אויפגאבע צו רעארגאניזירן די געזעלשאפט אויף א גאנץ נייעם פונדאמענט קאן אויסגעפירט ווערן נאר דורך דעם קאלעקטיוון גייסט פון די מאסן.“ — דאס מיינט, אז אן אמת׳ע רעוואלוציאנערע פארטיי דארף ארבעטן פאר דער אנטוויקלונג פון די מאסן, פאר דער אויפקלערונג פון זייער קאלעקטיוון גייסט, כדי זיי זאלן וויסן פאר וואס צו קעמפן. אנטוויקלונג איז א לאנגזאמער פראצעס, די רעוואלוציע קומט ווען דער פראצעס איז פארענדיגט. קאנספיראטיווע רעוואלוציאנערע קרייזלעך האבן קיינמאל ניט געקאנט פארנעמען דעם פלאץ פון דער נויטיגער עוואלוציע, וואס נאר זי אליין קאן רעארגאניזירן די געזעלשאפט אויף א נייעם פונדאמענט. די לעצטע פאליטישע פאסירונגען האבן פיל אפגעשוואכט די אמאליגע זיכערקייט פון דעם באלדיגן אנקומען פון דער באפרייענדיגער סאציאלער רעוואלוציע. דער רעוואלוציאנערער קאמף גופא אנטקעגן די הערשער און מאכטבאזיצער איז געווארן אומגעהויער פיל שווערער איידער אמאל אין די צייטן פון באריקאדן-שלאכטן אויף די גאסן, און די רעזולטאטן פון אזא קאמף צו גונסטן פון אנארכיסטישער פרייהייט איז פאר דער נאענטסטער צוקונפט גאנץ צווייפלהאפטיג.

אונטער גינסטיגע אומשטענדן, ווען אן אפגעלעבטע רעגירונג

פאַרלירט איר לעצטן פּרעסטיזש ביים פאָלק, און עס געלינגט אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי אַריבערצוציען אויף איר זייט אַ גרויסן טייל פון דער מיליטערישער מאַכט, ווי ס׳איז געווען אין רוסלאַנד, אין 1917, ווערט פּאַקטיש מעגליך צו דערגרייכן גאַנץ וויכטיגע רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען; אָבער אפילו יעמאָלט קאָנען דערגרייכט ווערן בלויז אַזוינע ענדערונגען, פאַר וועלכע דאָס פאָלק איז שוין געווען גרייט און האָט קלאָר געוואוסט וואָס עס וויל. די אָפּשאַפונג פון דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט און די קאָנפיסקאַציע פון די פּריצישע גיטער זיינען דורכגעפירט געוואָרן כמעט אָן בלוט-פאַרגיסונג. ערשט די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אָפּצושאַפן פּריוואַט אייגענטום און איינפירן אַ שטאַט-קאָמוניזם איבערגעוואַלט, פאַר וועלכע ענדערונגען דאָס פאָלק איז גאָרניט געווען צוגעגרייט, האָט פאַרגאָסן טייכן בלוט, חרוב געמאַכט מיליאָנען לעבנס, און געבראַכט אין רעזולטאַט הונגער און שקלאַפעריי. קיין אויפשטאַנד פון פאָלק, אויב עס האָט ניט אַ גרויסן טייל פון דער אַרמעע אויף זיין זייט, האָט אין היינטיגער צייט קיין שאַנס ניט אויף אַ ווירקליכן דערפאָלג. און ווען עס זאָל דורך אָן אויסערגעוועגליכן צופאַל געלינגען אַ שטאַרקער מינאָריטעט גובר צו זיין די הערשער אין אַ בלוטיגן קאַמף, איז מער ווי זיכער, אַז אַזאַ רעוואָלוציע וועט זיך ענדיגן אין אַ דיקטאַטור און אין אַ נייער טיראַניי.

דער גרויסער אידעאַל פון אַנאַרכיזם איז בשום אופן ניט געבונדן מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון אַ בלוטיגער רעוואָלוציע. פיל מער ליגט די האָפענונג פאַר דער פאַרווירקליכונג פון אַנאַרכיסטישע פרייהייטן און עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד אין אַן אויסגעהאַלטענער טיכטיגער אַרבעט פאַר דער סאָציאַלער עוואָלוציע, פאַר דער גייסטיגער אַנטוויקלונג פון די מאַסן, העלפנדיג זיי אין זייערע טאָג-טעגליכע קאַמפן און אַרבעטנדיג מיט זיי אין דער ריכטונג פון וואָס מער פרייהייט און גערעכטיגקייט אין געזעלשאַפטליכן לעבן. האַלטנדיג קלאָר פאַר די אויגן איר ענדציל — די העכסט מעגליכע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פרייהייט — דאַרף די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג שטענדיג אָנפירן אַ ברייטע אַגיטאַציע פאַר דער אָפּשאַ-

פונג פון באַשטימטע שעדליכע געזעצן, וואָס האַלטן אויף די פּרי־ווילעגיעס און מאָנאָפּאָלן פון די קאַפּיטאַנען פון דער אינדוסטריע און מאַכן מעגליך די עקספּלואַטאַציע פון די אַרבעטער־מאַסן. זי דאַרף אַגיטירן פאַר אַלערליי מעגליכע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנע־מונגען, וועלכע אַנטוויקלען דעם גייסט פון זעלבסט־טעטיגקייט צווישן די מאַסן און זייער אומאָפּהענגיגקייט פון די קאַפּיטאַ־ליסטישע פּראָפּיטירער. זי דאַרף זוכן צו געווינען די סימפּאַטיע פון די מאַסן, אַרויסשטעלנדיג צייטליכע פּראַקטישע פאָדערונגען, וואָס זאָלן דירעקט העלפן אָפּצושאַפן הונגער. מיט דער אַבסטראַק־טער און אַלגעמיינער פאַרדאַמונג פון דער היינטיגער געזעלשאַפט, מיט דעם אַנולנעם תירוץ פון רעוואָלוציע, וואָס וועט פאַרענטפערן אַלע קשיות, קאָן מען ניט אַנטוויקלען דעם „קאָלעקטיווען גייסט פון די מאַסן.“ „צו זאָגן — דריקט זיך אויס קראָפּאָטקין — אַז אונזער אויפגאַבע איז בלויז די צעשטערונג, און עס בלייבט פאַר אַנדערע צו בויען, איז ניט מער ווי אַ שלעכטער וויץ.“

געוויס, די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג, ניט ווייניגער ווי יעדע אַנ־דערע סאָציאַלע באַוועגונג, קאָן ניט און טאָר ניט אויפגעבן איר האָפענונג אויף דעם ענדליכן זיג פון אירע אידעאַלן; און עס איז אודאי ניט איבעריג צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער ראָלע, וואָס אַנאַרכיסטן דאַרפן שפּילן אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווען זי וועט ענדליך קומען. קראָפּאָטקין האָט וועגן דעם אַרויסגעזאָגט גאַנץ וויכטיגע און פּראַקטישע געדאַנקען. שטודירענדיג די אור־זאַכן פון דעם דורכפאַל פון די דריי גרויסע פּאָפּולערע באַוועגונגען פון לעצטן יאָרהונדערט אין פראַנקרייך — די רעפּובליק פון 1793, די אַרבעטער־רעוואָלוציע פון 1848, און דעם קאָמונע־אויפשטאַנד פון 1871 — האָט ער געפונען איין כאַראַקטעריסטישן פעלער וואָס זיי אַלע זיינען באַגאַנגען. „די פירער פון דער גרויסער רעוואָלוציע,“ שרייבט ער, „האָבן דיסקוטירט אַלערליי פּאָליטישע פראַגן, אָבער האָבן פאַרגעסן צו דיסקוטירן די פראַגע פון ברויט. גרויסע אי־דעען זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין יענע צייטן; ווערטער זיי־נען געזאָגט געוואָרן אין משך פון מער ווי אַ יאָרהונדערט, וועלכע רעגן נאָך איצט אויף אונזער געמיט. אָבער מענשן זיינען אויס־

געגאַנגען פון הונגער אין די אָרימע קוואַרטאַלן. דאָס פּאָלק האָט פאַרלוירן די געדולד, די רעאַקציע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, די רעוואָלוציע איז געלעגן אַ טויטע, און עס איז געקומען דער ווייסער טעראָר.

„אין 1848 האָבן די אַרבעטער פון פּאַריז געדינט דער רע־פּובליק מיט דריי מאָנאַט הונגער־ליידן, און ווען זיי האָבן מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן, האָבן זיי געמאַכט אַ לעצטע פאַרצווייפלטע אָנ־שטרענגונג, וועלכע איז פאַרטרונקען געוואָרן אין בלוט. אין 1871 איז די פּאַריזער קאָמונע אונטערגעגאַנגען, ווייל עס זיינען ניט גע־ווען גענוג קעמפער. זי האָט אָנגענומען מיטלען אָפּצוטיילן די קירך פון׳ם שטאַט, אָבער האָט ליידער פאַרזען, ביז עס איז שוין געווען צו־שפּעט, אָנצונעמען מיטלען צו באַזאָרגן די מענשן מיט ברויט.“

קראָפּאָטקין זאָגט אונז: „זאָלן אַנדערע זיך פאַרנעמען מיט ארויסלאָזן הויך־קלינגענדיגע פּראָקלאַמאַציעס. אונזער אויפגאַבע דאַרף זיין, פון דעם ערשטן טאָג פון דער רעוואָלוציע ביז איר לעצטן טאָג, צו זען אַז קיינעם אין אַלע פּראָווינצן, וואָס קעמפן פאַר פרייהייט, זאָל ניט פעלן קיין ברויט. מיר האָבן די דרייסטקייט צו דערקלערן, אַז אַלע האָבן אַ רעכט אויף ברויט, אַז עס איז דאָ גענוג ברויט פאַר אַלעמען, און אַז מיט דעם לאָזונג „ב ר ו י ט פ א ר א ל ע מ ע ן“ וועט די רעוואָלוציע טריאומפירן.“

צו אָט די ריכטיגע ווערטער פאַר דער צוקונפט וואָלט מען געדאַרפט צוגעבן פאַר דער געגנוואַרט: זאָלן אַנדערע זיך פאַר־נעמען מיט שרייען „רעוואָלוציע“, אונזער אויפגאַבע דאַרף זיין צו אַנטוויקלען דעם גייסט פון די מאַסן אין דער ריכטונג פון אַנאַר־כיסטישער פרייהייט און עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט, כדי די אַנאַרכיסטישע רעוואָלוציע זאָל קאָנען קומען.

# א סינטעז פוןביידע אנארכיסטישע שולעס.

עס דארף צולעצט ניט זיין שווער צו דערגרייכן א סינטעז פון
די ביידע אנארכיסטישע שולעס. אלס א סאָציאַלער אידעאַל איז דער
אנארכיזם געבויט אויף דעם גרונט-פּרינציפּ פון אינדיווידועלער
פרייהייט אונטער די באדינגונגען פון גלייכע עקאָנאָמישע געלעגענ-
הייטן, וועלכער איז דער עיקר פון אנארכיזם אי ביי פּרודאָנען, אי ביי
קראָפּאָטקינען. ווי א לערע פון געזעלשאַפטליכן צוזאמענלעבן מוז
דער אנארכיזם האָבן זיין פּלאַן וועגן דער פּראָדוקציע און דיסטרי-
בוציע פון אלע נויטיגע, פיזישע און גייסטיגע, געברויך-ארטיקלען
אויפ׳ן באזיס פון פרייהייט. די קראָפּאָטקין-שולע האַלט, אז דער
אנארכיזם פירט צום קאָמוניזם; די פּרודאָנישע שולע האַלט, אז
אנארכיזם פירט אוועק פון דעם קאָמוניזם. אזוי ווי אָבער קראָ-
פּאָטקין דער אנארכיסט קאָן ניט פארטיידיגן דעם אויסשליסליכן
איינפיר פון איין עקאָנאָמישן סיסטעם פאר אלע גרופּעס און גע-
מיינדעס, אפילו פאר אזוינע וועלכע ציען פאָר אן אנדער איינ-
אָרדענונג; און אזוי ווי פּרודאָן דער אנארכיסט קאָן ניט שטערן
קיין גרופּע אָדער געמיינדע וואָס וויל זיך אויסלעבן קאָמוניסטיש,
קאָן די פראגע וועגן קאָמוניזם אָדער ניט-קאָמוניזם ניט באטראכט
ווערן אלס א פּרינציפּיעלער אונטערשייד, נאָר מוז איבערגעלאָזט
ווערן צו דעם פרייען אויסוואַל פון יעדן איינעם, וואָס וועט האָבן
די ברירה צוצושטיין צו וועלכער גרופּע ער וויל, אָדער אינגאנצן
צו ארבעטן פאר זיך און זיך באנוגענען מיט דעם איינטראָג פון
זיין אייגענער ארבעט. שוין דער פאקט וואָס זיי ביידע האַלטן, אז
אָפּמאכן מוזן אָפּגעהיט ווערן, און קיינער קאָן דאָך קיינעם ניט
פאנאנדערזאָגן אין וועלכע אָפּמאכן ער מעג אריינטרעטן און אין
וועלכע ניט, קאָן מען זיך לייכט פאָרשטעלן, אז עס וועלן מסתמא
זיין קאָמוניסטישע אָפּמאכן אזוי גוט ווי אינדיווידואַליסטישע;

און אזוי ווי אַלע אָפּמאַכן מוזן אָפּגעהיט ווערן, וועט ניט זיין קיין פּלאַץ פאַר איין עקאָנאָמישן סיסטעם.

איין פּונקט, אין וועלכן די ביידע שולעס נייען זיך פאַנאַנדער, איז בנוגע אייגענטום. לויט קראָפּאָטקין געהערט צו דער געמיינדע דאָס גאַנצע אייגענטום וואָס זי באַזיצט, און האָט דעם צוועק צו באַזאָרגן דערמיט די נויטן פון יעדן מיטגליד, וועלכער טוט ניצליכע ארבעט. לויט פּרודאָן געהערט דאָס אייגענטום צו קיינעם ניט, אָדער וואָס איז אַלץ איינס — צו אַלעמען גלייך, אזוי אז יעדער איינער קאָן זיך באַנוצן מיט א טייל פון דעם אייגענטום וויפיל ער האָט נויטיג פאַר זיין ארבעט. דער אונטערשייד איז א קלאָרער, און מען קאָן אפשר זאָגן, אז דער פּרודאָנישער שטאַנדפּונקט איז נעענטער צום אַנאַרכיזם. דער חילוק איז אָבער בלויז א טעאָרעטי־שער, בעת אויף דער פּראַקטיקע קומט אַרויס דערזעלביגער רע־זולטאַט: יעדער איינער באַקומט זיינע פּראָדוקציאָנס-מיטלען, סיי ער ארבעט אַליין, סיי צוזאַמען מיט אַנדערע, און אויב ער ארבעט אין א גרופּע, ווערן די פּראָדוקטן צעטיילט, לויט דעם אָפּמאַך, מיט בוכהאַלטעריע אָדער אָן בוכהאַלטעריע.

וואָס איז שייך צו דער טאַקטיק פון דער אַנאַרכיסטישער באַ־וועגונג, צו די מיטלען און מעטאָדן פון איר אַגיטאַציע, איז עס כּלל ניט קיין פראַגע פון פּרינציפּ, נאָר זי מוז דורכאויס אָפּהענגען פון די אומשטענדן פון פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן, און מוז אויס־גערעכנט זיין פון דעם שטאַנדפּונקט וואָס עס העלפט בעסער די דערנענטערונג און פאַרווירקליכונג פון דעם אידעאַל. פּרודאָן וויל די פרידליכע רעוואָלוציע און האָפט, אז פראַנקרייכ'ס מזל וועט איר אויסהיטן פון א בלוטיגן קאַמף; ער וואָלט אָבער זיכער ניט גע־ראַטן אָפּצושטעלן דעם פאָלק'ס אויפשטאַנד קעגן דער מאַכט פון די קאַפּיטאַליסטישע הערשער, אפילו ווען דער אויפשטאַנד וואָלט גאָר ניט געווען קיין פרידליכער. קראָפּאָטקין ווידער איז ווייט ניט קיין פריינד פון בלוטפאַרגיסונג, און וואָלט מיט אַלע כּחות אויס־געמיטן א בלוטיגן קאַמף; נאָר אזוי ווי ער גלויבט, אז סוף כּל סוף וועט מוזן קומען דערצו, וואָלט ער וועלן עס זאָל שוין קומען וואָס פריער, און וואָלט דערוועקן אָפּטע אויפשטאַנדן אַלס א פּרעלוד צו

דער ענדלעכער גרויסער רעוואָלוציאָנערער דראַמע, וועלכע וועט מאַכן אַ סוף צו היינטיגע שטענדיגע בלוטפאַרגיסונגען פון די אונ־טערדריקטע און באַרויבטע.

עס הייסט, אַז אויך אין פּרט פון אגיטאַציע וואָלטן די ביידע שולעס זיך געקענט אייניגן אויף איין ראַציאָנאַלער טאַקטיק. אַלע זיינען מודה, אַז אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע פון דעם אַנאַרכיסטישן פאַרנעם קאָן אין היינטיגער צייט ניט ארויסשפּרינגען אַ פאַרטיגע מיט איין קלאַפּ. אפילו קראָפּאָטקין דער רעוואָלוציאָנער זאָגט, אַז אַלע רעוואָלוציעס האָבן זיך אָנגעהויבן אין פאָלק, ניט אין די קאָנספּיראַטיווע קרייזלעך, און אַלע האָבן געהאַט זייער פעריאָד פון אַנטוויקלונג. מען מוז אויך מודה זיין, אַז דער נויטיגער פעריאָד פון אַנטוויקלונג איז נאָך ווייט ניט פאַרענדיגט; און צוגעבנדיג אפילו אַז אַ רעוואָלוציאָנערער אויסברוך קאָן אַמאָל קומען גאָר אומדערוואַרט, איז אָבער גאָר ניט זיכער, אַז דער גייסט פון פאָלק איז שוין גענוג אַנטוויקלט פאַר אַ פרייען געזעלשאַפטליכן לעבן אויף אַנאַרכיסטישע יסודות. עס דאַרף דעריבער זיין קלאָר אויך פאַר די אָנהענגער פון דער קראָפּאָטקינשער רעוואָלוציאָנערער שולע, אַז די אַגיטאַציע פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג דאַרף איינשליסן אַלץ וואָס איז פּראַקטיש־ניצליך אין די פאָרגעשלאָגענע פרידליכע אַרבעטן פון פּרודאָן און זיינע נאָכפאָלגער, די מוטוא־ליסטן. די אַגיטאַציע קעגן שטאַט־געשאַפענע מאָנאָפּאָלן און פאַר פרייען קרעדיט, די דערמונטערונג פון קאָאָפּעראַטיווע אונטערנע־מונגען אויפ'ן געביט פון פּראָדוקציע, די איינפירונג פון אַלערליי עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען דורך אייגענע אָנשטרענגונגען, ניט ווענדענדיג זיך צו דער הילף פונ'ם שטאַט — זיינען די געווינשטע און נויטיגע אויפגאַבן פאַר אַן אמת'ער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, וועלכע דאַרפן גיין צוזאַמען מיט אַ ברייט־פאַרשפּרייטער פּראָפּאַ־גאַנדע פאַר פערזענליכער פרייהייט אין אַלע באַציאונגען פון לעבן.

# אַ קורצער איבערבליק איבער דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג

איבערגעדרוקט מיט קליינע ענדערונגען פון דער „פרייע אַרבייטער שטימע“, יובילעאום נומער, 1924

די 25-יעריגע ניט-אונטערגעבראָכענע עקזיסטענץ פון דער „פרייע ארבייטער שטימע" — פּרינציפּיעל אַן אַנאַרכיסטישער אָרגאַן — איז פון אויבן-אויף אַ גוטער באַווייז אויף דער לעבנספעאיקייט פון דער היגער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. קליין אין צאָל, ווי די גרופּעס זיינען, אָרעם אין אינטעליגענטע כחות ווי די באַוועגונג איז, האָט זי, פונדעסטוועגן, באַוויזן דורך איר אויסדויער און אָפּפערוויליגקייט, אַז עס קלאַפּט אין איר אַ לעבעדיגער אָדער, וואָס ענטפערט אָפּ אויף אַ געוויסער נויט פון אונזער געזעלשאַפטליכן לעבן.

די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסע אין דעם זין פון אַרומכאַפּן גרויסע מאַסן, אָדער גרויסע גרופּעס אַרבעטער. אין אירע ערשטע יאָרן אָבער האָט זי געמאַכט אַ גרויסן טומל און איז געווען פיל-שרייאיגער ווי איצטער. איר אַמאָליגע ריקזיכטלאָזיגע געוואַגטקייט, איר גרויסמויליגע פאַרניינונג פון אַלע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, דאָס פייפן אויף אַלע אָנגענומענע הייליגטימער און דאָס צופעליגע קראַכן פון אַ פאַקטישער באָמבע, האָט איר פאַרשאַפט אין יענע צייטן אַ געוויסן פּרעסטיזש — אַ טרויעריגן אין דער געזעלשאַפט בכלל, אָבער אין געוויסע ראַדיקאַלע און אומצופרידענע קרייזן, געמישט אויך מיט אַ געפיל פון באַוואונדערונג און אַ געוויסער אַכטונג. עס איז געווען עטוואָס הערָאאישעס אין יענער באַוועגונג; אפילו אָנצורופן זיך אַנאַרכיסט האָט געפאָדערט אַ געוויסן מוט. די דרייסטקייט האָט אימפּאָנירט, אָבער ניט געצויגן צו זיך: ניט פיל באַזיצן מוט אָדער קאָנען זיין העלדן. פון דער אַנדער זייט האָט די באַוועגונג דאַמאָלסט צוגעצויגן צו זיך אַלערליי אומפאַראַנטוואָרטליכע און אומוויסענדע ווילד-שרייער, וועלכע האָבן מיט זייער בראַוואַדאָ אָפּגעשטויסן די רוהיגערע און מער אַנטוויקעלטע עלעמענטן.

דער גייסט פון דער באַוועגונג איז פון אָנהויב אָן געווען אַ קריגערישער און פאַרניכטענדער, אָבער צו דער זעלבער צייט אויך אַ נאַאיוו-גלויביגער אין דעם עצם גוטסקייט פון דער מענשליכער נאַטור, אין דער מעגליכקייט שוין גלייך צו לעבן אונטער דעם פרייסטן קאָמוניזם, וואָס איז געבויט אויף גלייכהייט און ברידער-ליכקייט. דער נאָענטסטער צוועק פון דער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען, ניט צו איבערבויען און אויסבעסערן די געזעלשאַפט, נאָר צו מאַכן פון איר „טאַבולאַ ראַזאַ", אויסרייסן אַלע אירע אינסטיטוציעס מיט די וואָרצלען און לאָזן די נעקסטע דורות בויען דאָס לעבן פון דאָס ניי. דאָס האָט אַ לאַנגע צייט געהאַלטן די באַוועגונג אין דער לופטן; זי האָט ניט געלאָזט קיין וואָרצלען אין דעם לעבן פון די מאַסן און האָט קיין איינפלוס ניט געהאַט אויף זייערע טאָג-טעגליכע קאַמפן און שטרעבונגען.

אין משך פון דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט האָט זיך דער דאָזיגער כאַראַקטער פון דער באַוועגונג אַ רעכט ביסל געענדערט. די שטורמדיגע פּראָפּאַגאַנדע געגן אַלץ און אַלעמען איז אַ סך מילדער געוואָרן; די אינדיווידועלע אַטענטאַטן האָבן ביסלעכווייז אויפגעהערט; דער קוק אויף די טרייד-יוניאָנס איז געוואָרן מער רעאַליסטיש, און די פּראָפּאַגאַנדע בכלל איז געוואָרן מער אויפ-קלערנד, ערציערִיש. דערהויפּט אָבער איז די ענדערונג זייער בולט געוואָרן אין די לעצטע צען יאָר — דורך דער גרויסער וועלט-מלחמה און דער רוסישער רעוואָלוציע. אַנטווישונג אין מענשן, אין די פירער, און טיילווייז אויך אין די אייגענע אידעאַלן, האָט שטאַרק אָפּגעקילט דעם אַמאָליגן ענטוזיאַזם און געשאַפן זאָגאַר אַן אַפּאַטישע שטימונג צווישן די טוער, ווי צווישן די נענאָסן בכלל.

אין אַ געוויסן זין קאָן מען זאָגן, אַז די באַוועגונג לעבט איצט איבער אַ שטיקל קריזיס. זי פאַרלירט אַלץ מער דעם אַלטן באָדן, וואָס איז געווען אויסגעטראָטן פון די טראַדיציאָנעלע רעוואָלוציאָ-נערע פראַזן, און האָט נאָך ניט געפונען דעם נייעם וועג, וואָס זאָל פירן צום אַנאַרכיסטישן אידעאַל, ניט פאַרלייקענענדיג אינגאַנצן איר פאַרגאַנגענהייט. אַמאָל, ווען די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז

געווען געבויט אויף דעם גלויבן און דער דערוואַרטונג פון אַ באַל-דיגער סאָציאַלער רעוואָלוציע, האָבן די פירער געשעפּט התפעלות פון דעם וואונדערבאַרן זון-אויפגאַנג, וואָס זיי האָבן גייסטיג געזען שוין רויטלענדיג זיך הינטער די בערג, און די אַרבעטער האָבן געשטראַלט פון דער האָפענונג, אַז באַלד וועלן זיי אַריבערגיין פון זייער פינסטערן גיהנום אין דעם ליכטיגסטן גן-עדן. די דערפאַרונג פון דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט האָט צעשטערט יענעם גלויבן און פאַרניכטעט די דאָזיגע האָפענונג. דער אויסגאַנג פון דער רו-סישער רעוואָלוציע האָט נאָך אַרויפגעלייגט די לעצטע לאָפּעטע ערד אויפ'ן קבר פון יענעם גלויבן און האָפענונג. עס איז געוואָרן קלאָר, אַז מיט קפיצת הדרך קען מען אין דער צוקונפט ניט אַריינשפּרינגען און מיט געוואַלט קען מען די היינטיגע מענשן פאַר קאָמוניסטן ניט מאַכן.

אין דער זעלביגער צייט האָט זיך דער טרייד-יוניאָניזם זעהר ברייט צעוואַקסן. די יוניאָן-באַוועגונג האָט געמאַכט ריזיגע פאָרט-שריטן און האָט אָפּגעצויגן פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אירע אַקטיווסטע טוער. די אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן געוואונען מער רעכט, זייער מאַטעריעלע לאַגע איז באַדייטענד פאַרבעסערט געוואָרן, זיי זענען געוואָרן אַ מאַכט אין געזעלשאַפטליכן לעבן און זיך ערוואָרבן אַ געוויסן רעספּעקט. די פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָט אָנגעפירט צווישן די אַרבעטער מיט 30-40 יאָר צוריק, האָט געוויס פיל בייגעטראָגן צו דעם וואוקס פון די היינטיגע ריזיגע יוניאָנס. זי האָט אָבער אָפּגעלעבט איר צייט און וואָלט קיין שום איינדרוק אויף זיי ניט געמאַכט, ווען זי זאָל איצט ווידער אָנגעווענדעט ווערן אין איר אַלטער פאָרם. פאַקטיש איז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג די לעצטע צייט געוואָרן אַן „אַנעקס" פון דער יוניאָן-באַוועגונג און הויבט טאַקע גאָר ניט אָן צו פּרובירן ריידן צו איר אויף דעם אַלטן רעוואָלוציאָנערן לשון.

איינציגע פון אונז האָבן שוין לאַנג איינגעזען די קריטישע לאַגע פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג און האָבן געזוכט איר אוועקצושטעלן אויף אירע אייגענע פיס. דער שרייבער פון אָט די שורות האָט פון צייט צו צייט אָנגעוויזן אויף דעם געפערליכן

טעות, וואס די באוועגונג איז באגאנגען, אוועקשטעלנדיג די מע־טאדע פון קאמף, די רעוואלוציאנערע טאקטיק, העכער פאר דעם פרינציפ, דעם ענד־ציל, פאר וועלכן זי האט געזאלט קעמפן. עפעס איז אויסגעקומען אזוי ווי דער איינציגער און גאנצער צוועק פון דער אנארכיסטישער באוועגונג איז נאר צו צעשטערן און פאר־ניכטן די היינטיגע געזעלשאפט, ניט צו אנטוויקלען און בויען די יסודות, לויט דעם אנארכיסטישן אידעאל, פון א בעסערער גע־זעלשאפט. און דאריבער, ווען די פראפאגאנדע פון צעשטערונג האט דורך דעם פראגרעס פון דער ארבעטער באוועגונג פארלארן יעדן זין, האט די אנארכיסטישע באוועגונג זיך געפונען אומפארבאריי־טעט, אן מעטאדן און אן א פעסטער טאקטיק, פאר איר ווירקלי־כער אויפגאבע צו פארשפרייטן איר אידעאל.

עס איז אבער שווער אויסצוראטן אלטע טראדיציעס — אפילו פאר אנארכיסטן. די באוועגונג האט זיך איינגעלעבט מיט דעם געדאנק, אז די היינטיגע געזעלשאפט איז פון גרונט אויס שלעכט און פארדארבן, אז מען קאן זי ניט אויסבעסערן, און עס איז גאר־ניט כדאי צו פרובירן; אז מען מוז אויסוואָרצלען אלע אירע יסודות, און ניט ביסלעכווייז, נאר אלץ מיט אמאל, דורך א רע־וואלוציאנערן שטורם — און ווי דער רום זאגט, „דערנאך וועט מען זען.“ דאס איז געווען די אידעאלאגיע, אויף דער פראקטיקע אבער האט מען זיך געמוזט צופאסן צום לעבן, ווי ער איז: מען האט געמוזט העלפן ארגאניזירן די ארבעטער און אויפבויען יוניאנס און אפגעבן אלע כחות זיי צו העלפן געווינען א סטרייק — פאר א פאר דאלאר א וואך מער לוין, כדי צו קענען עטוואס בעסער לעבן. מען האט געהאלפן שאפן ארבעטער־קאסעס, מען האט זיך פאראייניגט אין אן ארבעטער רינג, מען האט געבויט פארוויילונגס, קונסט און ליטעראטור פאריינען, כדי געגנזייטיג זיך אויסצוהעלפן אין א נויט און געניסן פון לעבן וויפיל מעגליך אפילו אין דער היינטיגער פארדארבענער געזעלשאפט.

אזוי איז אנגעגאנגען מער ווי א פערטל יארהונדערט און די באוועגונג האט זיך איינגעלעבט מיט אט דעם ווידערשפרוך צווישן דער אידעאלאגיע און דער פראקטיקע. אין דער פראפאגאנדע פון

וואָרט און שריפט שאַרף רעוואָלוציאָנער, אין פּראַקטישער אַר-בעט — טרייד-יוניאָניסטיש, בירגערליך, מעסיג, אַלטעגליך. אין טעאָריע דאַרף אַלץ פאַרניכטעט ווערן, אין דער פּראַקטיקע זוכט מען אַריינצוכאַפּן וואָס מער. פאַרשטייט זיך, מען קען דאָס לעבן ניט אויסשפּייען און וואָס בעסער איז פאָרט בעסער, ניט ערגער. אָבער פאַרוואָס, אויב אַזוי, ניט בייטן די אידעאָלאָגיע? פאַרוואָס ניט מודה זיין, אַז דער פאַר 75-יאָריגער בליק פון די באַקונינס, אין דער צייט פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, איז געווען אַ פאַלשער בליק, געבויט אויף אַ מיספאַרשטענדעניש פון געזעלשאַפטליכן לעבן. דער עיקר, נאָך אַלעם דעם, איז דאָך דער אידעאַל; דער וועג צום אידעאַל מעג זיך דאָך בייטן, מעג דאָך היינט זיין אַן אַנדערער ווי מיט 75 יאָר צוריק. בייטן די טאַקטיק, צופּאַסן זי צום לעבן, הייסט דאָך ניט פאַרלייקענען דעם ענדציל, צו וועלכן מען שטרעבט. האָט דאָך די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אויפגעגעבן די „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט" און דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל האָט גאָרניט געליטן פון דעם. ווערט דאָך איצט אפילו דער „גענעראַל-סטרייק" מער ניט פּראָפּאַגאַנדירט, און פונדעסטוועגן איז די אי-דייע פון אַנאָרכיזם נאָך ניט געשטאָרבן.

אַ ווידערשפּרוך קען זיך אייביג ניט האַלטן, און אַ באַוועגונג, וואָס איז געבויט אויף אַ ווידערשפּרוך, מוז צוזאַמענפאַלן פריער אָדער שפּעטער. גייט מען אַרויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די געזעלשאַפט איז אומפאַרבעסערליך און מוז צעשטערט ווערן מיט געוואַלט, דאַרף מען ניט שטיצן און אונטערהאַלטן די היינטיגע טרייד-יוניאָנס, נאָר מען דאַרף, ווי יאָהאַן מאָסט אין זיין צייט, אַרויסגעבן קריגס-וויסנשאַפט-ביכלאך און גרינדן שולן צו לערנען די אַרבעטער שיסן. עס וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען אַן אומזין, אָבער אפילו אַן אומזין פאַרדינט אַ געוויסע אכטונג, ווען ער איז קאָנסעקווענט אויסגעהאַלטן. איז מען אָבער געקומען דורך דער-פאַרונג און פּראַקטיקע צו דער איינזעהעניש, אַז די געזעלשאַפט קאָן ניט און טאָר ניט צעשטערט ווערן מיט געוואַלט, אַז זי ווערט אויסגעבעסערט און געענדערט דורך אַ שטענדיגער עוואָלו-ציע, דאַרף מען איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפהערן צו קוקן פון

אויבן אַראָפּ אויפ׳ן געזעלשאַפטליכן לעבן, נאָר נעמען די געזעל־שאַפט ווי זי איז, זיך אינטערעסירן מיט אַלע וויכטיגע פראַגן, וואָס שטייען אויף דער טאָגעס־אָרדנונג, געפינען פאַר זיי דעם מער פּראָג־רעסיוון ענטפער אונטער די אומשטענדן, און אַגיטירן פאַר דעם מיט׳ן גאַנצן האַרצן.

נעמט דעם ערגסטן ביישפּיל: די פּאָליטישע קאַמפּיינס. אָנ־גענומען, אַז די ביידע גרויסע פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען בכלל רעאַקציאָנער, און קיין ראַדיקאַל, ניט צו רעדן אַן אַנאַרכיסט, קען קיינע פון זיי ניט וועלן שטיצן. אויב אָבער עס טרעפט, אַז זיי זיינען שאַרף צעטיילט וועגן אַ געוויסער זעהר וויכטיגער געזעל־שאַפטליכער פראַגע, זאָגט: וועגן טאַריף, אימיגראַציע, אינדזשאַנק־שענס געגן אַרבעטער, אָדער פאַשיזם, — איז דען גאָר קיין חילוק ניט, צי די דאָזיגע פראַגע אָדער פראַגן וועלן פאַרענטפערט ווערן אין אַ רעאַקציאָנערן אָדער פּראָגרעסיוון זין? איינע פון די צוויי פּאַרטייען וועט דאָ מוזן געווינען — איז ניט גלייכער, מען זאָל זען, אַז די פּאַרטיי וואָס שטייט פאַר דעם מער פּראָגרעסיוון ענט־פער, זאָל אין דעם געגעבענעם פאַל געווינען? און ווען עס טרעפט, אַז עס פאָרמירט זיך אַ דריטע פּאַרטיי מיט אַן אויסגעשפּראָכענער ראַדיקאַלער פּראָגראַם — איז עס ניט אין די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג צו שטיצן די דאָזיגע ראַדיקאַלע פּאַרטיי? אָדער ווען עס האַנדעלט זיך אפילו ניט מער ווי אויס־צודריקן אַ פּראָטעסט קעגן די רעאַקציאָנערע פּאַרטייען, שטימענ־דיג, למשל, פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, דאַרף מען דען ניט זען, אַז די צאָל פּראָטעסטירענדע שטימען זאָל זיין וואָס גרעסער און דער פּראָטעסט וואָס שטאַרקער?

נאָך אַ ביישפּיל. עס עקזיסטירט דאָ אין לאַנד אַ נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט צו פאַרטיידיגן די ציווילע פרייהייטן פון די בירגער: געוויס אַ נויטיגע און וויכטיגע אַרבעט. דאַרף די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג זי שטיצן? עס איז דאָך גאָר לעכערליך צו שטעלן אַזאַ פראַגע, און דאָך, וויפיל מאָל האָט דער אָרגאַן פון דער אַנאַרכיס־טישער באַוועגונג אויפגעפּאָדערט די גענאָסן, זיי זאָלן העלפן יענער געזעלשאַפט אין איר אַרבעט? זי ליגט גאָר קיינעם ניט אין זינען,

ווייל — נו, ווייל טעאָרעטיש וויל די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אָפּשאַפן דעם שטאַט, דער באַרויבער פון פרייהייט, מיט אַמאָל, און האַלט ניט פון פּראָטעסטירן און אָנפירן משפּטים, כדי צו פאַרטיידיגן די פרייהייט פון די בירגער שוין איצטער. פון דעם וועלן אַליין קומט אָבער גאָרניט אַרויס, און די באַוועגונג וואָס טוט גאָרניט, שטאַרבט ביסלאַכווייז אָפּ.

פון דער אַנדער זייט איז אויך מעגליך, אַז דער וועג פון פּראַקטישער אַרבעט פאַר דער געגנוואַרט איז ניט אינגאַנצן אָן געפאַר פאַר דער באַוועגונג. דאָס אָפּגעבן זיך אינגאַנצן מיט געגנוואַרטסאַרבעט, אָן אַ פעסט-באַשטימטע אַנאַרכיסטישע ריכטונג, קאָן די גאַנצע באַוועגונג פאַרוואַנדלען אין אַ בירגערליך-ראַדיקאַלער פּאַרטיי, וועלכע וועט זיך באַנוגענען מיט די קליינע חיי-שעה רעפאָרמען און פאַרגעסן איר גרויסן אידעאַל. עס וואָלט דעריבער נויטיג געווען צו קומען צו אַ פאַרשטענדעניש, ערשטנס וועגן די אַנאַרכיסטישע גרונט-פּרינציפּן גופא (לעצטענס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַפילו בנוגע די דאָזיגע עיקרים הערשט אַ באַדויערנסווערטער כאָאָס), און צווייטנס, וועגן דעם סאָרט און דער מאָס פון די פאַרשיידענע פּראַקטישע אַרבעטן, וואָס זאָלן צונעקסט אַריינגענומען ווערן אין דעם קרייז פון דער באַוועגונגס-טעטיגקייט. וואָרים עס מוז דאָך זיין קלאָר, אַז אַן אָפּגעשוואַכטע באַוועגונג קען זיך ניט פאַרמעסטן צופיל מיט אַמאָל און טאָר ניט צעשפּליטערן אירע כחות.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די אַרבעטער באַוועגונג שטייט לכל הדעות אויסער און איבער יעדער פראַגע. זי איז דער הויפּט באַזיס, אויף וועלכן די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג קאָן בויען איר אידעאַל פאַר דער צוקונפט. אין דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זיינען די פּראָלעטאַריער, די אַרבעטער, די הויפּט פּראָגרעסיווע קרעפטן, וועלכע זוכן צו ענדערן די געזעלשאַפט און איבערבויען זי אין דער לעצטער ליניע אויף סאָציאַליסטישע יסודות, ד. ה. אויף עקאָנאָמישער גלייכהייט. אָן עקאָנאָמישער גלייכהייט, אין זין פון גלייכע געלעגנהייטן, וואָס שאַפט אָפּ די מעגליכקייט פון עקספּלואַטאַציע, האָט דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל פון פרייהייט ניט מער ממשות, ווי די היינטיגע בורזשואַזע פרייהייט. דע-

ריבער איז זעלבסטפארשטענדליך, אז דער גורל פון דער אנאַר־כיסטישער באוועגונג איז איינג פארבונדן מיט דער אָרגאַניזירטער ארבעטער־באוועגונג אויף אַלע געביטן פון איר טעטיגקייט; דאָס מיינט אָבער ניט, אז די אנאַרכיסטישע באוועגונג מוז זיך אויפ־לייזן אין דער ארבעטער־באוועגונג. דער אנאַרכיזם האָט אנט־וויקלט זיין אייגענעם בליק אויף דער פּאָליטישער אָרגאניזאציע פון דער געזעלשאפט און האָט זיין אייגענעם אידעאַל בנוגע דער פּאָ־ליטישער אָרגאַניזאציע פון דער צוקונפט. און דאָס קאָן און דארף די אנאַרכיסטישע באוועגונג פּאָפּולער מאכן ניט נאָר צווישן די ארבעטער, נאָר אויך צווישן אַלע שיכטן פון דער געזעלשאפט.

דער לאָזונג דארף זיין: מיט די ארבעטער אין זייער קאמף פאר סאָציאַלער גלייכהייט; מיט אַלע ראַדיקאַל־דענקענדע מענשן אין זייער קאמף פאר פערזענליכער פרייהייט. און די טאַקטיק בכלל דארף זיין: וואָס מער עקאָנאָמישע געווינסן, פּרעסטיזש און מאכט פאר די ארבעטער שוין איצטער, און וואָס מער פערזענליכע פריי־הייט אין פּאָליטישן לעבן פאר אַלע מענשן איצט און אַלעמאָל.